**פשט:** ווען די פרוי אליין מאכט א נדר (נישט עסן פירות, אדער נזירות), און דער מאן האט מקיים געווען (נישט מפר געווען), האט ער צוויי ברירות: (א) אויסהאלטן מיט איר נדר, (ב) איר גט'ן מיט כתובה. ער מוז אבער געבן כתובה ווייל ער האט אליין שולד — ער האט געקענט מפר זיין און האט נישט.

**חידושים:**

1. **פארוואס כתובה: "שהרי היה בידו להפר"** — דו האסט געהאט א ברירה צו סטאפן דעם נדר, דו האסט עס נישט געטון, ביסט דו אליין שולדיג. דעריבער קענסטו נישט טענה'ן מקח טעות אדער אפנעמען כתובה.

2. **אינטערעסאנטער חילוק: ביי דעם מאן'ס נדר (פריערדיגע הלכה) שטייט נישט "אם רצה שתשב תחתיו"** — ווייל אלע ווייבער ווילן נישט א מאן וואס לייגט ארויף נדרים אויף זיי, איז עס פשוט אז זי וויל ארויס. אבער **ביי דער פרוי'ס אייגענע נדר** שטייט יא אז דער מאן קען מסכים זיין צו בלייבן — ווייל דא איז עס איר משוגעת, און ער קען עס אויסהאלטן אויב ער וויל.

3. **א גט קען ער אלעמאל געבן:** די שאלה איז נישט צי ער קען גט'ן (דאס קען ער אלעמאל טון אן פרעגן), נאר **צי ער דארף געבן כתובה.** און יא, ער דארף, ווייל ער איז אליין שולדיג.

---

**מיט דעם האט מען געענדיגט פרק י"ב פון הלכות אישות** — דער פרק וואס באהאנדלט די י"ד דברים (חיובי הבעל לאשתו און זכויותיו), זייער כללים, וואס מ'קען אויסבאדינגען און וואס נישט, די דיטעילס פון מזונות, מזונות בנים, מזונות ווען דער מאן איז אוועק, און הלכות המדיר את אשתו.

## תמלול מלא

### פרק י"ב הלכות אישות – חיובי המאן והאשה

**הקדמה: קביעות עתים לתורה**

**ר' יצחק:** מורי ורבותי, היינט איז א טאג, און היינט לערנט מען א פרק רמב"ם. וועלכע פרק?

**ר' יואל אשר:** גייען מיר לערנען די צוועלפטע פרק.

**ר' יצחק:** אין הלכות?

**ר' יואל אשר:** אישות. יא. איך ווייס נישט צו דער טאג איז מחייב דער לימוד. פארקערט מ'זאגט אונז דארפן מיר, וואלט מען געקענט וואלט מען געלערנט גאנץ רמב"ם אין איין טאג. מ'קען נישט, האט מען געמאכט א גדר פון יעדן טאג אביסל. ס'איז נישט אז דער טאג איז מחייב, דער טאג איז... תשמע,

**ר' יצחק:** אפשר יא. ס'איז דא א חיוב ללמוד תורה כל יום, יומם ולילה. בעצם, כ'האב געזעהן פון א צדיק, אז ס'איז דא אזא חיוב צו לערנען יעדן טאג, אזוי ווי ס'איז דא א חיוב צו לייגן תפילין און צו דאווענען יעדן טאג. ביידע פון זיי האט מען זיך געמוטשעט ווי שטייט די טעגליכע חיוב, יא? ס'שטייט אז מ'זאל דאווענען, ס'שטייט אז מ'זאל לייגן תפילין, ס'שטייט נישט יעדן טאג. אבער יעדער פארשטייט אז ווען דען? יעדן טאג. איז דאך זעלבע זאך תורה.

**ר' יואל אשר:** חיובים וואס א מענטש דארף טון, וואס יעדער פארשטייט אז ס'איז א מענטשליכע זאך. אהה. אזוי ווי יעדער איינער האט פארשטאנען אז מיט זיין ווייב דארף ער רעדן יעדן טאג. הגם ס'שטייט נישט אין די פרק וואס אונז גייען מיר יעצט לערנען. אלע משא ומתן געהאט מיט איר איז א יעדן טאג. ווייל,

**ר' יצחק:** איינמאל א וואך שטייט אין די פרק.

**ר' יואל אשר:** איינמאל א וואך אוכל עמה. אבער איך זאג, ס'שטייט נישט קלאר ארויסגעשריבן. אבער, א טאג איז עפעס א געוויסע, איך האב נישט אויפגעטון א דבר טוב אין די היינטיגע טאג, מ'וויל אז יעדן טאג זאל זיין עפעס מינינגפול. שוין. בא בימים, יא, אברהם אבינו בא בימים.

**ר' יצחק:** ער איז געקומען, אלע טעג זענען געווען גוטע טעג. על כל פנים, איז, ניין זעהסט, ער פאקוסט נאך אלץ אויף די ראנג זאך דער שייגעץ. ער האלט אין איינס טון. עניוועיס, סאו איך האלט יא אז ס'איז דא א חיוב. סאו דארף מען פארשטיין מענטשן מיינען אז קביעות עתים לתורה איז סתם א ענין, ס'איז בערך אזא חיוב ווי לייגן תפילין יעדן טאג. זאג נישט ס'איז דא אידן וואס מ'קען טרעפן קהלות אויף דעם אויכעט, אבער ס'איז בערך אזא חיוב.

און ס'איז דא וואס זאגן אז אפילו איינער וואס איז א כולל יונגערמאן אדער האלט זיך זיין דזשאב איז תורתו אומנתו אזוי ווי מיך, נאך אלץ האט ער א חיוב פון קביעות עתים לתורה. סאו דאס איז אונזער שיעור, לערנען א פרק רמב"ם און מ'טרייט יעדן טאג, אדער א פאר מאל א וואך, עניוועיס. שוין.

### הקדמה לפרק י"ב: די חיובים פון מאן און פרוי

**ר' יואל אשר:** שוין. דער פרק איז זייער א וויכטיגער פרק. דער צוועלפטער פרק פון הלכות אישות. איך בין א חתן רבי, די פרק לערן איך אסאך, כ'גיי איבער מיט מיינע חתנים אסאך. אהה. ווייל ס'געבט דאך אביסל א בליק וואס די חיובים, די קעגנזייטיגע חיובים, די חיובים פון די מאן צו די פרוי, און פון די פרוי צו די מאן. און ס'איז אויך זייער שיין מסודר, דער רמב"ם איז זייער מסדר אין די פרק.

**ר' יצחק:** ס'איז אויכעט לאמיר זאגן אביסל נאך מער. ס'איז דא אויכעט א, נאך א זאך, ס'איז אויכעט א הקדמה צו די אלע רעסט, די נעקסטע באנטש צען פרקים אדער מער, איז בעצם פירוט פון די פרק. די פרק געבט דער רמב"ם די כללים, כללי און נאכדעם רעכנט ער אויס יעדע איינע פון זיי איינס איינס.

**ר' יואל אשר:** אונז האבן שוין געלערנט וועגן דעם אז ס'איז דא א כתובה. און יענץ איז געווען א חלק פון הלכות נישואין, ווייל מ'שרייבט דאס ביי די חתונה, ס'איז א געוויסע זאך וואס מ'טוט.

**ר' יצחק:** מ'טאר נישט,

**ר' יואל אשר:** מ'טאר נישט חתונה האבן אן דעם. מ'טאר נישט חתונה האבן אן דעם, יא? סאו ס'איז קאנעקטעד מיט קדושין, ס'איז איינע פון די זאכן וואס מ'טוט ביי די נישואין. און דא רעדט מען שוין נאך נישואין. וואס איז יעצט? וואס זענען זיי מחויב איינער פאר די אנדערע, די מאן און די פרוי?

### הלכה א: עשרה דברים וארבעה דברים

**ר' יצחק:** יא. אקעי, קען זיין זאגט דער רמב"ם אזוי, אדער סיי די, די דברים וואס מ'איז מחויב אין די כתובה.

**ר' יואל אשר:** יא. שוין, זאגט דער רמב"ם אזוי: **"כשנושא אדם אשה, בין בתולה בין בעולה"**. דאס טייטש, אונז האבן פריער געזען אז לגבי די סכום פון ווי גרויס די כתובה זאל זיין, מנה אדער מאתים, איז דא א חילוק צווישן בתולה אדער בעולה. אהה. און די זעלבע זאך צווישן א ישראל אדער א גיורת או משוחררת, וואס זיי האבן א דין ווי א בעילה. רייט. אבער יעצט וויל דער רמב"ם זאגן ווען ס'איז נישט דא קיין חילוק.

זאגט דער רמב"ם, **"כשנושא אדם אשה בין בתולה בין בעולה, בין גדולה בין קטנה, אחת בת ישראל"**, אינטערעסאנט, ער גייט פון "בין" צו "אחת", ס'איז א שענערע לשון אפשר, **"אחת בת ישראל ואחת הגיורת או המשוחררת"**, סיי זי א געבוירענע איד, אדער א איינע וואס איז א איד ווייל זי איז געווארן א איד דורך גיור, אדער דורך זיין א שפחה וואס איז געווארן משוחררת.

**ר' יצחק:** דאס איז אויך אזעלכע וואס באקומען נאר א כתובה מנה, וואטעווער, דאס איז נישט קיין חילוק. רייט,

**ר' יואל אשר:** אין די פרייז האט מען, דער רמב"ם גייט נישט אריין אין פרייז, ער זאגט אבער די עצם חיובים. אהה. איז אזוי: **"יתחייב לה"**, דא ווערט דער מאן, דער מאן וואס איז נושא, דער "אדם" פון וועמען מ'רעדט דא, ווערט מחויב **"בעשרה דברים"**. ער ווערט מחויב, ער באקוט א חוב צו טון, זי אינזין האבן צו געבן צען זאכן. **"ויזכה בארבעה דברים"**, ער באקוט פון זיין ווייב פיר זאכן.

דאס הייסט, ס'איז אינטערעסאנט אז ער זאגט נישט "והיא מתחייבת לו בארבעה דברים", ווייל ס'איז נישט זיין ס'איז א זכות. "ויזכה", ער איז זוכה אין פיר דברים.

**דיסקוסיע: חובה און זכות — א פינאנציעלע לשון**

**ר' יצחק:** דאס פירט מען אזוי מן הסתם, איך מיין ס'איז חובה און זכות. אה, חובה און זכות. יא. אונז זענען זייער צוגעוואוינט צו א אנדערע חקירה, ס'איז איינע פון די זאכן וואס כ'האב געזאגט פאר איינעם פארשידענע אז ס'איז דא א סוד. חובה און זכות איז א לענגווידזש וואס אונז ניצן זייער אסאך אזוי ווי א חוב מיינט א עבירה, זכות מיינט ס'איז אן עסק א זכות, יא?

אבער איך מיין אז אריגינעל, ס'איז א לשון אזוי. די לענגווידזש חובה און זכות איז א לענגווידזש פון א באנק. דאס הייסט אויף ענגליש, חובה איז טייטש א דעביט, און זכות איז טייטש א קרעדיט. פארדעם זאגט מען אויך אז מען באקומט קרעדיט, יא, עס מיינט נישט מען באקומט א קרעדיט קארד, עס מיינט, ביי די ווער, א קרעדיט קארד איז נישט קיין קרעדיט קארד, א קרעדיט קארד איז א חוב קארד,

**ר' יואל אשר:** דו ווערסט מחוייב, ער גיבט דיר קרעדיט,

**ר' יצחק:** יא, וועמענ'ס קרעדיט איז די קרעדיט קארד? די באנק'ס, יא, יעדע מאל וואס מען צאלט א קרעדיט קארד באקומט ער קרעדיט, נישט דיר. עניוועיס, אהם אזוי ווי יש עליו טענות בסילוק מיינט איך האב די רעכט א, יא. ניין, עס איז אביסל פאני ווייל א דעביט קארד און א קרעדיט קארד זענען ביידע, זענען פונקט פארקערט. אקעי. עניוועיס, אקעי.

אהם, לייכט איך וויל נאר זאגן אז חוב און זכות, אריגינעל, איז לענגווידזש פון געלט, חוב מיינט איר זענט שולדיג געלט און זכות מיינט עס קומט זיך דיר געלט, מען ניצט עס בדרך השאלה ווען מען זאגט חובה עליו, דו האסט געזאגט חובה עליו, ער וועט דארפן אינזין האבן, עס איז מער אזוי ווי עס ווערט א אבליג א פינאנציעלע חיוב בעיקר, עס איז דא חלקים זאכן וואס זענען נישט ממש פינאנציעל, מען וועט זען, אבער עס ווערט אזוי ווי א אה, אהם אזוי ווי מען זאגט

**ר' יואל אשר:** א אבליגעישאן מצד דעם.

**ר' יצחק:** און ער איז זוכה, זי האט א אבליגעישאן פאר אים. יא, יעדע מאל וואס איז דא א חוב און זכות אויף די אנדערע זייט איז דא א זכות און א חוב, נאר מען רעדט פון זיין פערספעקטיוו יעצט, פארדעם זאגט ער אזוי אויסגעהאלטן, פארשטייסט, ווייל ער רעדט פון די פערספעקטיוו פון די מאן.

**ר' יואל אשר:** דערנאך וועט ער אנהייבן ווייל מען קען זאגן והאשה ווערט מחוייב בארבעה דברים לו, יא.

**ר' יצחק:** און אויך איז זי זוכה בעשרה דברים, פון איר זייט איז פארקערט. עס איז א רעלעטיוו קאנסעפט חוב און זכות.

**די דריי דאורייתא'דיגע חיובים: שארה כסותה ועונתה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי: **"והעשרה"**, די צען, יא, די צען, ער האט געזאגט אז מען ווערט צען מחוייב מיט צען זאכן און ער באקומט פיר זאכן, סאו עס איז א טאטעל פון פערצן זאכן וואס מען גייט דא רעדן, זאגט דער רמב"ם די צען קודם, די צען וואס דער רמב"ם וואס דער מאן איז מחוייב פאר די פרוי, **"שלשה מהן"**, דריי פון זיי,

**ר' יצחק:** זענען **"מן התורה"**.

**ר' יואל אשר:** דאס הייסט טייטש די כתובה וואס מיר האבן שוין גערעדט ביז יעצט איז נישט מן התורה, עטליסט לויט דעם רמב"ם?

**ר' יצחק:** יא, ער גייט זאגן אין א מינוט.

**ר' יואל אשר:** יא. סאו נאר דריי פון זיי זענען מן התורה. **"ואלו הן"**, וועלכע דריי זענען זיי? **"שארה כסותה ועונתה"**, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין משפטים אז ווען א מענטש האט חתונה מיט אן אמה עבריה, איינמאל זי בלייבט זיין ווייב,

**ר' יצחק:** אפילו טאמער ער נעמט נאך אן אנדערע ווייב,

**ר' יואל אשר:** ער בלייבט ווייטער מיט זיינע חיובים צו איר פון שארה כסותה ועונתה לא יגרע, זאל ער נישט מונע זיין, אונד דאס איז א דאורייתא. איז דער רמב"ם מסביר וואס טייטשן די דריי ווערטער: **"שארה זאגט דער רמב"ם, "אלו מזונותיה"**. שאירה מיינט אז ער דארף איר מפרנס זיין,

**ר' יצחק:** אירע עסן. דאס הייסט, שאר איז א לשון מזונות, אזוי ווי אונקלוס טייטשט שארה זיונה. אה איך ווייס נישט ווי נאך טרעפט מען אז שאר איז לשון מזונות,

**ר' יואל אשר:** באט אזוי זאגט דער אזוי די הלכה אזוי פסק'נט דער רמב"ם. משארתיה מיינט איר טייג, איר מעל. אפשר, אפשר. אוקעי. **"כסותה" זאגט דער רמב"ם, איז "כמשמעו"**. אז אונז פארשטייען מיר אלע. כסותה מיינט אה זיך צודעקן, ס'מיינט אירע מלבושים. יא, ס'איז קליידער. אירע מלבושים. טייטש, עברי טייטש. יא. **"ועונתה" טייטש "לבוא עליה כדרך כל הארץ"**. עונתה מיינט ביאה. יא. אם, א יא.

שוין. ס'איז דא אין דעם אסאך אסאך שמועסן אין מפרשי המקרא אויפ'ן פלאץ, און אין די גמרא אין כתובות. ס'איז דא וואס לערנען אנדערש. אבער יעצט וועלן מיר אונז גיין מיט'ן רמב"ם. אם,

**דיסקוסיע: שיטות אחרות אין פירוש שארה כסותה ועונתה**

**ר' יצחק:** ס'איז דא וואס לערנען אז וואס?

**ר' יואל אשר:** למשל דער רמב"ן לערנט אז אז די מזונות איז נישט מן התורה, נאר נאר די עונה איז מן התורה. און ער לערנט פשט, שארה כסותה ועונתה - אלע דריי רעדט פון דעם פון תשמיש המטה, פון זיין מיט א ווייב. סאו שארה מיינט זיין מיט א ווייב, און און אה כסותה ועונתה מיינט די אופן וויאזוי מ'זאל עס טון, אז ס'זאל זיין דוקא בקירוב בשר, אדער אפשר ניין, עונתה מיינט מיינט אזוי ווי אונז וויסן מיר, עונה, שארה מיינט ס'זאל זיין בקירוב בשר, און כסותה מיינט אז ס'זאל זיין אויף א מכובד'יגע וועג, אזוי לערנט דער רמב"ן.

און אנדערע אין די גמרא לערנען אז שארה מיינט אם, פשוט ארומגעדרייט, אז שארה מיינט ביאה, און און עונתה מיינט אם, מזונות. אבער על כל פנים, לאמיר גיין וויאזוי דער רמב"ם לערנט, וויאזוי רש"י זאגט דארטן אויפ'ן פלאץ, וויאזוי מ'פסק'נט.

און ס'איז אויך דא אין דעם מחלוקת אין הלכה, צו דאס וואס דער רמב"ם זאגט אז נאר די דריי זענען מן התורה, איז איז דער רמב"ן

זאגט אז נאר נאר עונה איז מן התורה. און אנדערע ראשונים, דא ווערט מען שוין זען דע דער ראב"ד זאגט אז אויף דעם וואס דער רמב"ם רעכנט נישט אויס צווישן די מן התורה'דיגע זאכן, איז דא שיטות אז ס'איז יא מן התורה. אבער דאס איז וויאזוי דער רמב"ם פסק'נט. יא.

### פראקטישע אנווענדונג: פיזישע, סאציאלע און עמאציאנעלע באדערפענישן

**ר' יואל אשר:** אויב איך קען אייך זאגן, דו האסט ליב ווען איך זאג תורות, אבער ווען איך זא איך וויל עס מאכן פאר מיינע חתנים זייער שטארק אה פראקטיש פאר היינט, זאג איך אז שארה כסותה ועונתה מיינט: שארה מיינט אלע אירע פיזיקעל נידס, עסן. כסותה מיינט קליידער, אבער קליידער מיינט צו זאגן איר אלע אירע... ס'איז א מער א ענין פון כבוד, אז זי זאל זיין מכובד'יג אנגעטון. סאו מ'קען זאגן אזוי ווי אלע אירע סאושעל נידס, אז זי זאל זיין אנגעטון אזוי ווי זי וויל זיין אנגעטון, אזוי ווי ס'איז מכובד'יג אין יענעם פלאץ. מ'וועט זען שפעטער טאקע אז מ'דארף געבן די וועש וואס איז מכובד'יג, אז זי קען זאגן איך וויל נישט האבן בושות, איך וויל נישט גיין אנגעטון ווי א אורחה פרחה.

און עונתה מיינט אירע... די קשר, דע דע די אימאושענעל נידס קען מען זאגן. אבער דאס איז שוין אה 2026 אה חתן רבי טאק. לאמיר גיין צוריקגיין צו די רמב"ם. אקעי. זאגט די רמב"ם ווייטער, דאס זענען די ערשטע דריי.

### דיסקוסיע: דער שורש פון "עונה"

**ר' יואל אשר:** מממ אם ס'אי ס' אה, וואס איז יא אינטערעסאנט איז אז די ווארט עונה, די ווארט עונה טייטשט צייט.

**ר' יצחק:** אזוי זאגסטו. ווער האט דיר דאס געזאגט, ביי דע וועי?

**ר' יואל אשר:** אם אזוי ווי אם א לשון אזוי ווי וואס? איין עונה. עונה אחת מיינט 12 שעה. און ס'איז דא נאך פלעצער וואו עונה מיינט א צייט? וואו? אם עונת, עונת, עת ענווים הגיע. עונת, ס'איז א זאך ווי אן עונת,

**ר' יצחק:** א צייט פון עפעס.

**ר' יואל אשר:** אבער שפעטער ווערט עס גאנץ קלאר, ווייל ווען מ'גייט אריין אין מצות עונה רעדט מען גלייך פון וועלכע צייט. סאו ס'טייטש אז די עס אז מ'האט נישט גענוצט די ווארט תשמיש, נאר מ'האט גענוצט דאס אז מזמן לזמן דארף ער זיין מיט איר.

**ר' יצחק:** יא, סאו איך בין בכלל נישט זיכער אז עונה איז טייטש צייט. עונה שטייט אין תורה נאר איינמאל, ועונתה לא יגרע. און איך מיין אז עונה איז טייטש תשמיש אויף לשון אויף ענגליש.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא אין גאנץ תנ"ך נאכאמאל די ווארט עונה?

**ר' יצחק:** ניין, נישט, אזוי זאגט דער מעונה אלקי קדם,

**ר' יואל אשר:** וואס טייטש מעונה?

**ר' יצחק:** יא, ס'מיינט א א וואוינארט.

**ר' יואל אשר:** אה, א מעון. מעון. מעון. אה, סאו ס'איז דא טאקע א סך ראשונים וואס זאגן אז עונתה מיינט אזוי ווי כסותה, מיינט א מעון. אה, ס'איז דא די די ראשונים,

**ר' יצחק:** די פשט של מקרא. מ'קען פארשטיין אויב מ'וויל, אבער למשל דער דיקשענערי לייגט עס אין אן אנדערע שורש. און

## דיון וועגן דער באדייטונג פון "עונה" – צייט אדער תשמיש?

### דיון: וואס מיינט דאס ווארט "עונה"?

**ר' יצחק:** דיקשענערי זאגט אז עונה איז א טייטש פאר תשמיש? יא, ס'הייסט קען זיין אז פארקערט. אפשר פארקערט, אפשר ווייל תשמיש הלכות עונה האט אזוי ווי דו זאגסט זמנים, איז געווארן אז עונה מיינט א צייט. מ'זעט מער ווי סתם.

**ר' יואל אשר:** אז עונה מיינט נישט סתם אז דער מאן האט א רעכט און ווען ס'פאקט אים אן קען ער נישט קיין רעכט, ער האט א חיוב. אז ער האט א חיוב זיך צו מגביר זיין אז מזמן לזמן גייט ער קעיר נעמען פון אירע נידס, יא.

**ר' יצחק:** איך האב געטראכט עפעס פאר סאם ריזן אז עונתה איז מלשון "תחת אשר ענה". ס'הייסט, דו זעסט אז דער שורש ענה קען מיינען, ס'הייסט דעמאלטס הייסט עס שלא ברצונה.

**ר' יואל אשר:** ענה מיינט דאך נישט עינוי.

**ר' יצחק:** אבער ס'קען זיין אז, ניין, ס'קען זיין אז ענה איז טייטש ער האט געשלאפן מיט איר, און דעמאלטס אין די קאנטעקסט איז עס שלעכט. אבער דא, אזוי איז אויך דא.

**ר' יואל אשר:** וואס טייטשן אז יעדע מאל פייניגן, עינוי, "ועניתם את נפשותיכם" וועט זיין פון די זעלבע שורש.

**ר' יצחק:** איך געדענק אז איינע פון די מקורות אז ס'איז דא איסור תשמיש יום כיפור איז ווייל ס'שטייט תענו, און ס'איז א כינוי פאר תשמיש. "תענה את בנותי", יא. "תענה את בנותי" וכולי. ס'איז פאני, תענה איז נישט איז נישט גוט, און נאכדעם עונה איז יא גוט. איך ווייס נישט, אפשר ס'איז א טעות צו קאנעקטן די צוויי זאכן.

**ר' יואל אשר:** איך טראכט וועגן אזוי ווי עונה האמורה בתורה איז בכל יום. יא יא. וועגן דעם זעט מען ארויס אז די ווארט עונה אליין מיינט עת.

**ר' יצחק:** ס'איז טייטש אז ס'האט א שיעור זמן.

**ר' יואל אשר:** אז ס'זאל זיך מקדיש זיין פאר איר זמן. יא, פאר לתשמיש. רייט.

**ר' יצחק:** אבער דאס איז אזוי ווי אונז האבן געלערנט פריער אנהויב שיעור. יעדע זאך וואס מ'דארף טון, דארף מען טון עפעס א צייט. אונז מענטשן לעבן אין צייט.

**ר' יואל אשר:** ניין, אבער וואס איך מיין צו זאגן איז אז לכבוד דעם עונה מיינט באמת ס'איז געבליבן צייט. ס'איז נאר אזא מין שם מושאל. די צייט פון וואס? די צייט ווען דער מאן מיט די ווייב.

**ר' יצחק:** סאו דאס זאג איך. איך מיין אז דאס איז, אונזער, אונז סאונד עס אזוי ווייל אונז, אפשר ווייל די חז"ל ווי ניצן זיי דעם ווארט עונה?

**ר' יואל אשר:** עונה דאורייתא איז א קביעות לתשמיש.

**ר' יצחק:** רייט, סאו ס'הייסט עונה איז טייטש זמן תשמיש, נישט צייט.

**ר' יואל אשר:** נישט תשמיש, די זמן תשמיש.

**ר' יצחק:** אקעי, לאמיר זאגן. אבער איך פארשטיי, ווייל תשמיש מיינט כאילו איר איי דאנט נאו, עפעס אזא קביעות.

**ר' יואל אשר:** אבער ער זאגט עפעס מער. אה, די קביעות, אז ס'איז נישט עפעס א ריינע זאך אז ענקביידע ס'איז דא, ס'איז דא אזא זאך. ס'איז דא אז ענק זענען ביידע מותר צו האבן תשמיש ווייל ענק זענען שוין נישט לפני, ניין.

**ר' יצחק:** דאס איז נישט עונה.

**ר' יואל אשר:** סתם פוגש אשה בשוק. ניין, אודאי. אבער דאס איז מער, דאס איז אז ענק זאלן מקדיש זיין זמן צו זיין צוזאמען, עפעס אזא זאך.

**ר' יצחק:** רייט, אודאי. ס'הייסט אודאי לאמיר אונז זענען, יא יא, ס'איז דא מענטשן אלעס אלעס וואס אונז זאגן מענטשן. אונז שמועסן עס איבער ווייל אונז לערנען די תורה פון ניי, אנדערש. סאו איך זאג, אין לשון חכמים איז מען זיכער אז עונה, אזוי ווי דער אבן ג'נאח דא ברענגט, עונה זאגט מען כמה פרישה? איז עונה סמוך לוסתה. ביי די ווער, דעמאלטס קען מען אויך טייטשן עונה כאילו די צייט, אויב איינער וואלט דוקא געוואלט. פונקט דארט שטייט די לשון עונה, אינטערעסאנט.

**ר' יואל אשר:** כמה עונה? או יום או לילה.

**ר' יצחק:** ס'טייטש אז עונה טייטשט א טאג. ניין, עונה איז, איך וואלט געטייטשט דארט. ביי די ווער, ער ברענגט אז ס'איז דא איינמאל אין די תפלת תענית שטייט א לשון ובעת ובעונה הזאת. אויך איך געדענק אין די סליחות וואס מ'זאגט יום כיפור זאגט מען עפעס אזוי, ובעת ובעונה הזאת גלוי וידוע לפניך שאין לנו לא כהן.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא אסאך שטיקלעך, בכל עת ועונה. אבער ס'איז טאקע אין תנ"ך איז זייער ווייניג דא.

**ר' יצחק:** רייט. אבער ס'קען זיין, איך קען זאגן על פי קבלה דארט אויכעט, באט ס'קען זיין אז ווען די גמרא זאגט שיפרוש עונה סמוך לוסת, מיינט עונה כפשוטו. איין צייט וואס מ'וואלט דערקענט קובע זיין אויף דעם, ווי סאך איז די צייט, א טאג אדער א גאנצע טאג, א מעת לעת, אדער א יום ולילה. אבער ס'קען זיין אז ס'זעט אויס דא מער, אויב מ'זאגט אז עונה טייטש אזוי ווי ער זאגט דא תשמיש, סאו עונה איז אזוי ווי ס'איז דא א שם דבר פאר די אזוי ווי דו זאגסט די קביעות, אדער די, די קביעות זמן לתשמיש, דאס הייסט עונה. און מיט דעם ווערט שוין מושאל אז יעדע זמן קען שוין רופן עונה. דאס איז שוין די נעקסטע סטעפ אפשר.

**ר' יואל אשר:** רייט, אקעי.

**דיגרעסיע: דער ווארט "מעונן" און זיין פארבינדונג מיט "עונה"**

**ר' יצחק:** האסט אויך, מעונן איז אין צייט עפעס.

**ר' יואל אשר:** מעונן ומכשף, יא.

**ר' יצחק:** לויט רבי עקיבא. מעונן איז א נותן עונות, יא. ס'איז א מחלוקה... מחלוקת אין די גמרא וואס ער מיינט. דער רמב"ם פסק'נט אזא, אז מעונן איז א נותן שעות. אבער טאקע פארוואס ברענגט קיינער נישט דא מעונן? ווייל דאס איז עונתה, ס'איז א דאפלטע, ס'איז עונן, אפשר אנדערש. אויך טאקע אינטערעסאנט.

**ר' יואל אשר:** אקעי, אפשר שטאמט דאס מיט בענני ענן אדער אנדערע מיני אנדערע ווערטער אינגאנצן. יא.

**ר' יצחק:** זיכער נישט. שוין. מעונן, איך ווייס טאקע נישט. תא עין, יא? מעונן. ניין. לא תעוננו? ס'מיינט נישט מאכן קיין וואלקענעס? טאקע ווירד. ס'האט עפעס מיט עונה? ניין, ס'איז עונן.

**ר' יואל אשר:** דאס מ'קען מאכן אן אנדערע פשעטל, אז עונה איז אזוי ווי שומע כעונה, ענטפערן פאר אירע נידס, אנפילן אירע נידס. זי האט א ניד, און ער איז עונה עליה.

**ר' יצחק:** אויכעט אינטערעסאנט ווי א פשעטל. איך האב מורא אז דער פשט פון רבי עקיבא אז עונן מיינט נותן עתים איז אויכעט נישט פשוט'ער פשט, ווייל מעונן מיינט סאמטינג מעונין. ער זאגט אז מעונין מיינט מאכן, איך ווייס נישט וואס דער כישוף מאכערס מאכן.

**ר' יואל אשר:** אקעי, על כל פנים, לשון קודש איז אן אינטערעסאנטע שפראך.

**הלכה יב — שארה כסותה ועונתה: די דריי חיובים מן התורה**

**ר' יואל אשר:** אבער לאמיר צוריקגיין צו די רמב"ם. זאגט דער רמב"ם ווייטער: דאס זענען די ערשטע דריי.

**ר' יצחק:** דאס זענען מן התורה. יא.

**דער רמב"ם'ס פירוש: מזונות, מלבושים, און מצות עונה**

**ר' יואל אשר:** טו רעפ איט אפ פאר די מענטשן וואס הערן, סתם פאר די אינטערעסאנטקייט. **דער רמב"ם זאגט: שארה כסותה ועונתה מיינט, שאר מיינט מזונות, כסות מיינט מלבושים, עונה מיינט מצות עונה, מ'דארף נישט מסביר זיין, זאך וואס מ'רעדט דאך איידל.** אבער סתם פאר די אינטערעסאנטקייט אז די רייכקייט פון לשון קודש איז אז ס'איז דא אזויפיל אנדערע פשטים. שארה קען מיינען שאר בשר, אז ס'זאל זיין קירוב בשר, כסות קען מיינען א וואוינונג, ס'קען מיינען א בעט, און עונתה קען מיינען דאס וואס אונז לערנען דא, דאס וואס דער רמב"ם פסק'נט. אבער דער רמב"ם האט אזוי אויסגע'פסק'נט און אזוי אויך רש"י אז שארה כסותה ועונתה מיינען די דריי ענינים. יא. טייטשט ער, די אלע דריי זענען מן התורה.

**דער רמב"ן'ס מחלוקת: נאר עונה איז מן התורה**

און אויף דעם קריגט זיך דער רמב"ן. און דער רמב"ן זאגט ניין, אז נאר מצות עונה איז מן התורה, נאר די זיין מיט די ווייב, און שארה כסותה איז אלעס אופנים וויאזוי מ'זאל טון די מצות עונה, מ'זאל

עס טון באופן קירוב בשר, מ'זאל עס טון באופן מכובד, און לויט דער רמב"ן, די אלע מזונות זאכן, די אלע ענינים שבממונות.

**ר' יצחק:** איז נישט קיין דאורייתא.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קיין אזא גרויסע חילוק פאר למעשה.

**ר' יצחק:** הא? אמת, ס'איז נישט נוגע, ווייל אונז לאזן מיר קענען ווי.

**ר' יואל אשר:** טון אויך ווי דרבנן הייסן. יא.

**דער רמב"ם'ס לשון: "לבוא עליה כדרך כל הארץ"**

**ר' יצחק:** ס'איז אינטערעסאנט די לשון הרמב"ם, ביי דע ווער.

**ר' יואל אשר:** "לבוא עליה" דאס איז א לשון פון בנות לוט: "ואיש אין בארץ לבוא עלינו כדרך כל הארץ". איך ווייס נישט וואו דער רמב"ם האט געגומען... דאס האב איך אויך, וועגן דעם "לבוא עליה כדרך כל הארץ" האב איך אויך מער געטראכט פון דעם אז עונה מיינט צייט. די זאך אז אזוי ווי יעדער מענטש האט א נארמאלע צייט ווען ער איז מיט זיין ווייב, איך ווייס נישט. ניין.

**ר' יצחק:** אבער פארקערט. דער רמב"ם טראכט אז כדרך כל ארץ, אז ס'זאל זיין דווקא א ביאה, א נארמאלע ביאה, נישט קיין... לבוא עליה, כדרך כל ארץ... איך מיין אז ס'איז פשוט, ניין, איך מיין כדרך כל ארץ מיינט ער צו זאגן, ווייל דאס איז דאך אלעס יופעמיזם'ס, רייט? קיין איינע פון די ווערטער מיינט נישט גארנישט. לבוא מיינט קומען, ס'מיינט דאך נישט גארנישט.

**ר' יואל אשר:** כדרך כל הארץ מיינט אויך נישט גארנישט.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם לשיטתו אז לשון קודש האט נישט קיין מיאוס'ע ווערטער. יא, סאו זאגט ער א וועג א זאלסט פארשטיין קלאר וואס ער מיינט. אבער... אה.

**הלכה יב — עיקר כתובה און תנאי כתובה**

**ר' יואל אשר:** נאכדעם איז דא זיבן... בעצם, אונז האבן מיר שוין געהאט, מיינעך דער רמב"ם האט אויסגערעכנט ווען ער האט גערעדט.

**ר' יצחק:** פריער וועגן המארס על מה שכתוב בתורה.

**ר' יואל אשר:** האט ער דערמאנט די דריי. ער האט גלייך דערמאנט עונה? א, יא, יא. די אנדערע דברים האט מען שוין... שוין, דאס איז די ערשטע דריי. וואן ס'איז דא נאך זיבן, ס'איז דא צען, א טאטעל פון צען, און די זיבן זענען מדברי סופרים. **"וכולן תנאי בית דין הן"**, די זיבן זענען תנאי בית דין. ס'טייטש, בית דין איז זיי מחייב עס צו טון. ס'איז נישט פשט אז דאס איז רעקאמענדעישאנס אז דער מאן זאל זיך אונטערנעמען פאר די פרוי די זיבן זאכן, און אויב האט ער זיך נישט אונטערגענומען איז ער פטור. נאר דער בית דין האט שוין געמאכט די תנאי. דו ביסט שוין מחויב, איינמאל דו האסט חתונה איז שוין עז איף כאילו דו האסט שוין געמאכט די תנאי.

**ר' יצחק:** מ'האט שוין געמאכט פאר דיר די תנאי. פאר אייך. דאס הייסט, יא, ווי האט די תורה געמאכט שארה כסותה ועונתה?

**דער ערשטער פון די זיבן: עיקר הכתובה**

**ר' יואל אשר:** די זעלבע וועג. ס'איז, זאגט דער רמב"ם: **"האחד מהן"**, דער ערשטער פון זיי איז **"עיקר הכתובה"**.

**ר' יצחק:** האבן מיר שוין געלערנט פריער.

**ר' יואל אשר:** דער עיקר הכתובה, וואס דאס איז מנה אדער מאתים, די תקנת חז"ל, אז מ'דארף געבן א כתובה ביי די חתונה. און אויף דעם זאגט דער ראב"ד? ס'איז דא א ראב"ד? ניין, ניין, נישט אויף דא דער ראב"ד. דער רמב"ם פסק'נט דא. אין די גמרא איז א מחלוקת, דא מאן דאמרס שטייט אין די גמרא אז כתובה קען מען ארויסלערנען פון די פסוק, ביי מאנס אדער מפתה שטייט אזוי: "כסף ישקול כמוהר הבתולות". אה איז איז דא אה איך מיין רבי שמעון וואטעווער, די גמרא ברענגט תנאים און אמוראים וואס זאגן אז פון דא זעהט מען אז כמוהר הבתולות, אזוי ווי די באקאנטע מוהר הבתולות וואס דאס טייטשט די געלט וואס די וואס מ'גיבט פאר א בתולה, וואס דאס איז כתובה, ממילא איז כתובה יא מדאורייתא. אבער למעשה פסק'נט מען פסק'נט דער רמב"ם ווי.

**ר' יצחק:** די שיטות אז כתובה איז א דרבנן. ס'איז דא וועגן דעם, יא. והשאר?

**דיון: וואס מיינט "תנאי כתובה"?**

**ר' יואל אשר:** והשאר.

**ר' יצחק:** די אנדערע זאכן.

**ר' יואל אשר:** סאו, סאו די די ס'איז דא עיקר כתובה, און די אנדערע זעקס האט מען גערופן תנאי כתובה. איך מיין די סיבה איז ווייל די עיקר כתובה איז אייביג נוגע. די תנאי כתובה זענען שוין סיטואציעס, אז אויב ס'מאכט זיך א סיטואציע זאל מען טון אזוי און אזוי.

**ר' יצחק:** די תנאי די ווארט תנאי דא מיינט נישט תנאי אם. ס'הייסט זיי האבן געזאגט דא פריער, אזוי מיין איך, אפשר בין איך ראנג. זיי האבן געלערנט פריער הלכות תנאים אין פרק, איך געדענק שוין נישט וועלכע פרק ז', וואו ס'איז דא הלכות תנאים וואס מיינט אם ככה, דאס רופט מען א תנאי. אבער דא זעסטו תנאי כתובה, מיינט נישט, דו זאגסט אז אפשר מיינט דאס אם תחלת לרפותה? איך ווייס נישט. איך האב געמיינט אז עיקר כתובה, די עיקר שטר די עיקר כתובה איז פשוט. די שטר כתובה איז די מנה מאתים, דאס איז די טעקסט וואס שטייט אין די כתובה. ס'איז אויך דא אן אם ביי דע ווער, אם אם אמות. ואם אגרשנך.

**ר' יואל אשר:** נישט אם אויף די קשר.

**ר' יצחק:** ניין, אויב זי שטארבט פארדעם, איר קומט נישט קיין כתובה, אז אויב, יא, אויך אין קשר קומט נישט קיין געלט. אבער די ווארט איז יענץ איז די עיקר. דאס איז וואס מ'שרייבט, דאס דארף מען שרייבן. אויב מ'שרייבט נישט יענץ איז נישט קיין כשר'ע כתובה. די אנדערע זענען אזוי ווי הוספות, קאנדישאנס אין די כתובה. ס'איז נישט באמת זיך קאנעקטעד מיט די כתובה בכלל, מ'שרייבט נישט קיין כתובה. מ'רופט עס נאר אזוי ווי כתובה איז

אזוי ווי א שם הכולל פאר די פאר די זאכן דא, פאר די כללות בעל ואשה.

**ר' יואל אשר:** אבער תנאי דא מיינט נישט מדי אזוי ווי מדיני תנאים אדער תנאי שכתוב בתורה. אבער מיינט נאך דיטעילס.

**די זעקס תנאי כתובה**

**ר' יואל אשר:** ואלו הן. **ואלו הן: לרפותה אם חלתה** — דער מאן האט א חיוב איר אויסצוהיילן, אדער זיך מתעסק זיין מיט איר רפואה, צאלן איר רפואה אם חלתה, **ולפדותה** איר אויסלייזן **אם נשבית** אויב זי ווערט געפאנגען.

## רמב"ם הלכות אישות — תנאי כתובה: די זיבן חיובים פון דעם מאן און די פיר זכויות וואס ער באקומט

### הלכה ב (המשך) — די זיבן תנאי כתובה וואס דער מאן איז מחויב פאר די פרוי

**ר' יצחק:** ס'איז נישט באמת'דיג קאנעקטעד אין די כתובה בכלל, מ'שרייבט נישט קיין כתובות, ס'מיינט מ'רופט עס נאר אזוי ווי די כתובות אזוי ווי א שם הכולל פאר די אלע, פאר דאס וואס ער זאגט דא, פאר די כללות.

**ר' יואל אשר:** בעל ואשה. א תנאי דא מיינט נישט אזוי ווי מדיני תנאים אדער מתנה על מה שכתוב בתורה. נאר מ'מיינט נאך דיטעילס. **ואלו הן ואלו הן: "לרפותה אם חלתה"**, דער מאן האט א חיוב איר אויסצוהיילן, אדער זיך מתעסק זיין מיט איר רפואה, צאלן איר רפואה, "אם חלתה". **"ולפדותה"**, איר אויסלייזן, **"אם נשבית"**, אויב זי ווערט געפאנגען. **"ולקברה"**, ביי שטארבן איז נישטא קיין אם, ס'איז נישט קאנדישאנעל, **"כשתמות"**, אויב ער גייט נאך לעבן, דארף ער צאלן אדער זיך מתעסק זיין מיט די קבורה. **"ולהיות ניזון מנכסיו ולהיותה"**, דאס אז ער זאל איר לאזן אדער ער זאל מאכן די קאנדישענס אז זי זאל קענען זיין ניזון פון זיינע נכסים.

ס'טייטש, אויסער דעם וואס ווען זיי ביידע לעבן דארף ער איר אויסהאלטן און זי דארף וואוינען אין זיין הויז, אויב ווען ער שטארבט און ער גייט האבן אנדערע יורשים, קומט זי פארדעם און זי קען בלייבן אין זיין הויז און עסן פון זיינע נכסים וואס זענען נאך דא, **"אחר מותו"**, נאך זיין שטארבן, **"כל זמן אלמנותה"**, ווילאנג זי בלייבט נאך א אלמנה, ס'טייטש ביז זי טרעפט א נייע מאן אדער עס לאנג עז זי וואוינט דארטן אלס א אלמנה, עסט זי פון זיינע נכסים. דאס איז נומער פינף.

די נעקסטע איז, **"ולהיות בניה ממנו"**, אויב ער האט קינדער פון נאך ווייבער—

**ר' יצחק:** איז די אבער ווען ער—

**ר' יואל אשר:** דעם די לעצטע ווייב וואס ער האט געמאכט, מאכט ער מיט איר א דיעל, ער ווערט מתחייב אז די קינדער וואס ער האט פון איר, **"בנותיה ממנו"**, די טעכטער וואס ער האט פון איר, זאל אויכעט קענען, אזוי ווי זי קען זיצן אין דעם מאן'ס הויז און עסן פון זיין באנק אקאונט און פון זיינע עסן ווען ער שטארבט, אויכעט די טעכטער, איר טעכטער וואס זי האט געהאט פון אים, זאל קענען זיין **"מנכסיו אחר מותו עד שיתארסו"**, ביז זיי האבן ביז זיי ווערן כלות און זיי טרעפן נייע מענער. און דאס איז דוקא אויף די בנות, ווייל בנים גייען ארויס, זיי טרעפן נחלה, זיי ווערן אנשי אדמה.

און די נעקסטע די לעצטע זאך איז פון די זיבן: **"ולהיות בניה הזכרים ממנו"**, די זון זכרים וואס זי האט געהאט מיט אים, זיי זאלן יורש זיין **"כתובתה יתר על חלקם בירושה שעם אחיהם"**. מער מ'זאל נישט מאכן איווען אלע זין, נאר די פרוי וואס האט לעצט חתונה געהאט מיט אים קען באקומט די הלכה...

**דיסקוסיע: כתובת בנין דכרין — ווי עס ארבעט**

**ר' יצחק:** איז להויפט די כתובה. ס'איז דא נאך א כתובה מיט נאך א פרוי, באקומען זיי פון יענע, וואטעווער. ס'קען האבן צוויי פרויען אויף איינמאל, ס'האט נישט צו טון מיט די לעצטע.

**ר' יואל אשר:** דע פוינט איז אבער ניין, וואס טייטש "יתר על חלקם בירושה" מחיה, פון אלע קינדער איז דא א מאמע, יא, אלע קינדער האבן א מאמע.

**ר' יצחק:** דע הויפט איז מ'טיילט עס נישט פארט פון די ירושה. דאס איז דאך די טייטש. ער קען האבן קינדער פון אנדערע ווייב, זי האט איר אייגענע כתובה, ס'האט נישט צו טון. די כתובה, יעדע איינע האט איר אנדערע סכומים אין די כתובה. די כתובה ירש'נען אירע זין. אהא, זייערע זין. יא, די עיקר כתובה ירש'נען זין.

**ר' יואל אשר:** עיקר כתובה. בירושה אויסער די רעגילער...

**ר' יצחק:** אויסער, יתר מיינט אויסער, ס'הייסט ירושה צוטיילט מען איקוועל, אלע קינדער באקומען יעדע איינער וואס...

**ר' יואל אשר:** רייט, אויסער וואס מ'צוטיילט די למשל א מענטש האט געהאט טויזנט האט איבערגעלאזט טויזנט דאלער, צען קינדער, יעדע באקומט א הונדערטער, אבער אויסער דעם אויב די כתובה איז געוונן וואטעווער די געלט פון די כתובה איז געווען דארף מען געבן פאר די קינדער. די קינדער ירש'נען די כתובה.

**ר' יצחק:** דאס גייט נישט בכלל די חלוקה, דאס איז די וואך.

**ר' יואל אשר:** רייט, דאס מאכט אויך די כתובה נישט פאר קיין אם אין פאל אז ס'איז דא זין, ס'טייטש אז נישט נאר אויב נישט נאר אז אויב ער שטארבט פאר איר באקומט זי די כתובה, נאר אפילו שפעטער וועלן אירע קינדער באקומען די כתובה.

**ר' יצחק:** יא, כאילו.

### הלכה ב (המשך) — די פיר זאכן וואס דער מאן איז זוכה פון דער פרוי

**ר' יואל אשר:** שוין, דאס זענען די צען זאכן וואס דער מאן באקומט. וואס דער מאן גיבט. וואס גיבט? וואס באקומט ער? **"והארבעה שזוכה בהן"**, איז אויכעט **"כולם מדברי סופרים"**, אלעס איז נאר מדרבנן. **"ואלו הן"**, ס'טייטש ווען די חכמים האבן געזאגט די צען, האבן זיי אויך צוגעלייגט נאך פיר פארקערטע אז וואס זי איז מחויב פאר אים. אז וואס?

**"להיות מעשה ידיה שלו"**, די מעשה ידיה, וואטעווער זי ארבעט, וואטעווער זי איז מרוויח מיט אירע הענט, זי באשאפט זאכן, זי נייט, מ'וועט זען שפעטער, זי נייט, זי באקט, וואטעווער ס'איז, איז זיינס, באקומט ער עס, ער איז זוכה דערין. און נישט נאר וואס זי ארבעט, נאר אויכעט אויב זי האט עפעס זוכה געווען אין א מציאה, זי האט עפעס געווען לאקי, זי האט געטראפן א מציאה, זי האט געוואונען א לאטערי, איז **"מציאתה"** איז אויכעט **"שלו"**.

די דריטע זאך איז: **"שיהיה אוכל פירות כל נכסיה בחייה"**, אז ווען זי האט יא איר אייגענע נכסים, ס'טייטש נישט פון אירע מעשה ידיה, נאר נכסים וואס זי האט פון ווען זי איז געווען א מיידל צו וואס, אדער וואס זי האט באקומען באיזה אופן שהוא איז אפילו די נכסים באלאנגט נישט פאר דעם מאן, אבער דער מאן האט יא די רעכט צו עסן די פירות דערפון. ס'טייטש, מרויח זיין פון די נכסים, בחייה, ווילאנג זי לעבט.

**ר' יצחק:** ארגינעל איז עס ליטערלי פירות. אז זי האט א פעלד און ער נעמט די פירות.

**ר' יואל אשר:** רייט. זי האט א בוים, קען ער עסן די פירות דערפון ווילאנג זי לעבט. ס'טייטש, ווען זי שטארבט גייט עס צו אירע יורשים, אבער ווילאנג זי לעבט קען ער עסן דערפון.

**ר' יצחק:** ואם מתה—

**ר' יואל אשר:** און די פערטע זאך איז אז ער ירש'נט איר, אז **"אם מתה בחייו"**, אויב זי שטארבט און ער לעבט נאך, און זי האט אירע אייגענע נכסים, **"יירשנה"**, זאל ער איר ירש'נען, אפילו אויב זי האט אויכעט קינדער. **"והוא קודם לכל אדם בירושה"**, זי איז, ער איז פאר אלע אנדערע מענטשן לענין ירושה.

**ר' יצחק:** אהה.

**הלכה ג — די כנגד-סטרוקטור: יעדע זכות פון דעם מאן קעגן א חיוב פון דעם מאן**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם א אינטערעסאנטע זאך: **"ועוד תיקנו חכמים"**, ווען די חכמים האבן מתקן געווען די פיר זאכן, האבן זיי עס מתקן געווען אויף א ספעציפישן אופן, אז די פיר זאכן זאלן גיין קעגן דריי פון די זאכן זאלן גיין קעגן א פאר פון די פריערדיגע זאכן וואס ער איז מחויב פאר איר. אז וואס? **"שיהיו מעשה ידי האשה כנגד מזונותיה"**. קעגן דעם וואס ער האט א חיוב מן התורה איר מפרנס צו זיין, האבן די חכמים מתקן געווען עס אויסצובעלאנסן.

ס'איז א שיינע זאך, זעט אויס אז ווייל ער האט א גרויסע חיוב אייביג איר אויסצוהאלטן, וואס דאס איז א ריזיגע פיינענשל בערדן, באקומט ער צוריק אז ס'איז נישט פשט אז זי גייט זיצן מיט די פיס ארויף און ער גייט איר אייביג מפרנס זיין, נאר זי דארף זיך אויכעט אנשטרענגען און אים ברענגען געלט פון אירע מעשה ידיה. און די מעשה ידיה גייט כנגד מזונותיה.

**דיסקוסיע: די ענין פון איבה און די באלאנס צווישן מזונות און מעשה ידיה**

**ר' יצחק:** אז זי דארף, דאס איז נאך א זאך וואס מ'וועט זען שפעטער. אבער קודם, כאילו, ס'שטייט אין די גמרא ס'איז א ענין פון איבה. ס'קען נישט זיין אז ער, מ'וועט זען די נפקא מינה להלכה, אין די ענד פון די הלכה זעט מען וואס ס'מיינט די כנגד, אבער די ווארט איז, ס'קען נישט זיין אז ער דארף איר אויסהאלטן —

**ר' יואל אשר:** און זי מאכט נאך—

**ר' יצחק:** געלט אויכעט און זי נעמט עס פאר זיך. נאו פראבלעם, איך האלט דיך אויס, איך נעם קעיר פון דיר, אבער דו מאכסט געלט גייט עס גיין צו מיר. זי באקומט צוריק פון די געלט, וואטעווער, ווענדט זיך, באלד וועט מען זען ס'ווענדט זיך ווער ס'פארדינט פון די דיעל. אבער—

**ר' יואל אשר:** רייט. די צווייטע זאך, **"ופדיונה"**, דאס אז ער איז מחויב איר אויסצולייזן איז וועט גיין **"כנגד אכילת פירות נכסיה"**. לכבוד דעם באקומט ער, ווייל ער האט די חוב אייביג איר צו פראטעקטן פון שביה, באקומט ער אבער אויכעט לכבוד דעם די זכות אז ער קען עסן די פירות פון אירע נכסים. אהה. **"וקבורתה"**, די חיוב וואס ער דארף זיך מטפל זיין מיט איר קבורה גייט **"כנגד ירושתו לכתובתה"**. ער גייט איר טאקע באגראבן, אבער לכבוד דעם גייט ער באקומען די ירושה. אהה.

אזוי ווי דו זאגסט אז ס'איז א זאך צו מאכן צו מאכן אויס צו מאכן בעלענסן. די תורה וויל נישט אז קיין אז דער מאן אדער די ווייב זאל זיין מיזרעבל, נאר צו מאכן פעיר. ער שטעלט איר צו סעיפטי אז זי האט אייביג עסן, אבער ווען זי ווען זי מאכט געלט דארף זי דארף זי עס אים געבן וכדומה.

**הלכה ד — "איני ניזונית ואיני עושה"**

**ר' יואל אשר:** **"לפיכך"**, ממילא קומט ארויס פון דעם א הלכה'דיגע משמעות אז וואס? אז **"אם אמרה האשה איני ניזונית ואיני עושה"**, איך דארף נישט דיין געלט, איך וויל נישט זאלסט מיך מפרנס מזון מפרנס זיין, זאלסט מיר געבן עסן, און איך וויל אויך נישט ארבעטן, איך וויל נישט מאכן אז ווען איך ארבעט גייט עס פאר דיר, איך וויל האלטן מיין אייגענע געלט פאר מיר.

**ר' יצחק:** איך האב מיין אייגענע געלט? לאז דיך מיר דיין מזונות.

**ר' יואל אשר:** איז היות אז די חכמים האבן עס מתקן געווען זו כנגד זו, ס'טייטש, ווען ער האט א מצוה איר מפרנס צו זיין, האט עס נישט צו טון מיט גארנישט. דו קענסט נישט מאכן מיט'ן אייבערשטן א דיעל אז איך וועל מארגן דאווענען פיר מאל שמונה עשרה און היינט גארנישט, ס'איז א חיוב, אבער דאס איז נישט א חיוב, דאס איז עפעס א סארט זאך וואס איז אזוי ווי א דיעל וואס—

**ר' יצחק:** די חכמים האבן געמאכט צווישן זיי.

**ר' יואל אשר:** פארשטייט זיך הגם די מזונות אליין איז דאך א דאורייתא, אבער איינמאל זיי האבן צוגעלייגט דא אז זי איז מחויב מעשה ידי האשה איז פשט אז ס'איז יא איינס אנטקעגן די צווייטע, די צוויי האבן א שייכות, קען מען מאכן אזא דיעל. **"ואין כופין

**אותה"**, ער קען איר נישט צווינגען, און די מינוט זי זאגט איך דארף נישט דיין איך דארף נישט דיין געלט עסן—

**דיסקוסיע: פארוואס קען זי מוותר זיין אויף א דאורייתא-חיוב?**

**ר' יצחק:** אין אנדערע ווערטער, אין אנדערע ווערטער ס'איז לטובתה, דאס הייסט, ס'האט יא צוטון מיט דעם וואס די מזונות איז כאילו — דער רמב"ם האט געזאגט אז "יש לה מזונות מן התורה", וואס דא ווערט אביסל שווער וויאזוי מ'קען פארשטיין אויב אזוי וויאזוי קען מען מאכן דעם דיעל. דער תירוץ איז אז לויט ווי דער רמב"ם לייגט עס אראפ איז נישט קיין פראבלעם, ווייל זי גייט אלעמאל זיין פארזיכערט די מזונות, לאז דיך פארשטיין, ער זאגט אזוי ווי ער זאגט "אבל אם", דער בעל קען עס נישט זאגן, דאס הייסט ס'איז נישט הונדערט פראצענט נאר א דיעל, ס'איז א דיעל וואס בויעט אויף דעם אז קודם כל באקומט זי מזונות, לכבוד דעם באקומט ער מעשה ידיים. טאמער זי וויל נישט, נישט מזונות און נישט מעשה ידיים, קען זי.

אין אנדערע ווערטער מ'רעדט מסתמא פון אן אופן וואס זי מאכט מער וויפיל זי קאסט, זאגט זי איך וויל נישט די מזון האבן, זאגט ער נא פראבלעם, נעם דיך פאר דיר, אבער פארקערט קען מען נישט.

**ר' יואל אשר:** ס'טייטש אזוי, אויב זי זאגט סתם אזוי איך דארף נישט דיין מזון, זי איז מוחל, מ'וועט זען שפעטער דאכט זיך אז ס'העלפט נישט, אבער היות די חכמים האבן עס געמאכט מעשה ידיה כנגד מזונותיה קען מען יא מאכן דא דיעל.

**ר' יצחק:** דער חידוש איז אז ער קען נישט סטאפן איר פון זאגן דאס, אבער זי קען אים סטאפן, **"אבל אם אמר הבעל"** "אבל אם אמר הבעל איני זנך"—

**ר' יואל אשר:** איך גיי דיר נישט געבן קיין קיין ברויט, קיין פרנסה. און **"ואיני נוטל כלום ממעשה ידיך"**, איך גיי אויפהערן נעמען דיין מעשה ידיך, דיין געלט וואס דו מאכסט, **"אין שומעין לו"**, פאלגט מען אים נישט. ער ווערט נישט פטור פון די מזונות. פארוואס? **"שמא לא יספקו לה מעשה ידיה במזונותיה"**, אפשר וועט זי נישט מאכן גענוג זיך מפרנס זיין. די תורה האט דאך דיר געגעבן א חיוב איר מפרנס צו זיין. סא, ווען זי זאגט אז זי דארף נישט דיינע מזונות, ווייל איר מעשה ידיה איז גענוג פאר איר מזונות—

**ר' יצחק:** זי האט די טשויס, ס'איז יא גענוג, ס'איז נישט גענוג, ס'לוינט זיך איר פאר וואטעווער ריזן, אקעי, מעג זי. אבער איר מזונות איז, זעט די גמרא, הייסט דאס, "מזונות עיקר", און מעשה ידיה איז משום איבה, אז ס'זאל זיין א באלאנס. אבער ס'נישט אז ס'איז א דיעל, ס'איז נישט אריגינעל אז זי צאלט פאר אירע מזונות די מעשה ידים—

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט ממש אזוי. מ'קען עס אנקוקן אזוי ווי אז דאס הייסט איר געגעבן מזונות. אויב זי האט אפגעמאכט אז זי וויל אירע מעשה ידיה פאר מזונות, ס'איז דאך מעשה ידיה וואס דו קענסט באקומען. סא, אויסוויזא דו גיסט איר מזונות.

**ר' יצחק:** דאס איז נאר כדי צו פארענטפערן כאילו די קשיא אז ער איז דאך מחויב, אבער אמת גוט אויכעט קענסט עס רופן דאך שכיחי ליקא. די ווארט איז אבער אז מזונות לטובתה. אבוויעסלי ווען זי זאגט "איני ניזונית ואיני עושה", איז איר בעסער אזוי, רייט? זי זאגט דאס.

**הלכה ד (המשך) — מזונות ווערט גערעכנט ווי תנאי כתובה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **"ומפני תקנה זו"**, ווענן די תקנת חכמים וואס די חכמים האבן געמאכט אז איינס זאל זיין כנגד די אנדערע און לכבוד דעם קען זי קען זי מוותר זיין אויף די מזונות און האלטן אירע מעשה ידיה. **"ייחשבו המזונות מתנאי הכתובה"**, רעכענען אונז יא די מזונות ווי תנאי כתובה. ס'טייטש, הגם ס'איז א חיוב מדאורייתא און הגם—

**דיסקוסיע: פארוואס רעכנט דער רמב"ם מזונות ווי תנאי כתובה?**

**ר' יצחק:** פארוואס האט דער רמב"ם געזאגט אז ס'איז א תנאי כתובה? ער פרעגט א קשיא, פארוואס האב איך קודם גערעכנט זיבן זאכן? איינע פון זיי, דאס הייסט, ער האט נישט גערעכנט. ער האט געזאגט קודם אז מזונות איז מדאורייתא. נאכדעם אמאל זעט מען אז מזונות רעכנט זיך פון תנאי כתובה. דער תירוץ איז, תנאי כתובה מיינט אין דע סענס, אז ס'גייט אקעגן די מזונות—

**ר' יואל אשר:** ס'איז אפן פאר דיעלס. ס'טייטש ס'איז דא זאכן, מיין ס'איז זייער ענליך צו דעם וואס דער רמב"ם האט פריער געזאגט ביי די מעשרות און משכנות פון תורה, ס'איז דא זאכן וואס מ'האט נישט אריינגעלייגט אין א פיינענשעל—

**הלכות אישות פרק יב — תנאי כתובה וחיובים שאינם ניתנים לשינוי**

**הלכה ב (המשך) — כל הדברים האלו אף על פי שלא נכתבו**

**ר' יצחק:** ער פרעגט א קשיא, פארוואס האב איך יעצט גערעכנט זיבן זאכן? איינע פון זיי, הייסט, האט ער נישט גערעכנט, ער האט געזאגט קודם אז מזונות איז... איז מדאורייתא. נאכדעם, אמאל זעט מען אז מזונות רעכנט מען פון תנאי כתובה. דער תירוץ איז, תנאי כתובה מיינט in the sense אז ס'גייט קעגן די מזונות, דאס איז מדרבנן.

**ר' יואל אשר:** אזוי, אפן פאר דיעלס. ס'טייטש, ס'איז דא זאכן, מיין, ס'איז זייער ענליך צו דעם וואס דער רמב"ם האט פריער געזאגט ביי מתנה על מה שכתוב בתורה. ס'איז דא זאכן וואס, וואס מ'האט נישט אריינגעלייגט אין א פיינענשעל, ס'איז נישט קיין משא ומתן דערויף. אבער דא, איינמאל חכמים האבן געזאגט אז די מזונות איז כנגד מעשה ידיה, איז א זאך וואס איז open for discussions, איז עס שוין געווארן א ביזנעס זאך.

**ר' יצחק:** מ'וועט באלד זען, אויף שוין עקזיסטס, קען מען מאכן דאס נישט נאר וועגן דעם. אבער מ'וועט באלד זען הלכות תנאי כתובה. ס'הייסט, בעיסיקלי, ווען ער וועט לערנען הלכות תנאי כתובה, מיינט עס אויך מזונות. דאס איז לכאורה וואס ער זאגט. אין די גמרא שטייט, ברענגט ער, אז מזונות איז מתנאי כתובה. ס'הייסט, פרעגט דער רמב"ם א קשיא, וויאזוי איז עס תנאי כתובה? דער תירוץ איז, ווייבאלד ס'איז שוין דא דעי דיעל, איז פארט, וואטעווער הלכות תנאי כתובה איז, וועט זיין געווענליך אויך אויף מזונות.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"כל הדברים האלו"**,

**ר' יצחק:** יא, פירט ער נאר אויס. מ'האט יעצט געזעצט, האבן דאך שוין געזאגט בערך ברמיזה אז ס'איז תנאי בית דין, דער רמב"ם מאכט, איז מסביר נאר קלאר.

**ר' יואל אשר:** **"כל הדברים האלו"**, די אלע פערצן זאכן, **"אף על פי שלא נכתבו בשטר כתובה"**, מ'שרייבט עס נישט אין די כתובה, זאגט ער, **"ואפילו"**, אפילו מער, אפילו מ'האט בכלל נישט געשריבן, **"לא כתבו כתובה עדיין"**. וואטעווער, זי האט, מ'האט גענומען מטלטלין אזוי ווי מ'האט געלערנט פרק א', פרק ב'. **"אלא נשא סתם"**, ער האט חתונה געהאט מיט איר אן מאכן א תנאי. **"כיון שנשא"**, ווען ער האט געמאכט נשואין, **"זכה הבעל בארבעה דברים שלו"**, איז דער מאן זוכה מיט זיינע פיר זאכן, **"וזכת האשה בעשרת הדברים שלה"**, אז זי איז זוכה געווען צו אירע עשרת הדברות. **"ואינן צריכין לפרש"**. מ'דארף עס נישט ארויסזאגן, ווייל די חיוב, די חיוב געשעט מן התורה אדער מתנאי בית דין, ס'איז נישט עפעס וואס געשעט

**ר' יצחק:** ווייל זיי האבן זיך אזוי אויסגענומען. און מ'שרייבט, דער רמב"ם זאגט נישט אויב מ'זאל, וואס מ'זאל שרייבן און וואס מ'זאל נישט שרייבן אין די כתובה. און למעשה, אין די נוסח הכתובה שטייט נישט די אלע זאכן, ס'שטייט א חלק, א רענדאם חלק פון זיי, איך ווייס נישט פארוואס.

**ר' יואל אשר:** אויב איינער ווייסט פארוואס זאל ער עס זאגן.

**השגת הראב"ד — ירושת הבעל מדאורייתא**

**ר' יואל אשר:** דער ראב"ד קריגט זיך אויף דעם רמב"ם און ער זאגט אז דעי זאך אז דער מאן ירש'נט די פרוי איז אויף מדינא דאורייתא.

**ר' יצחק:** מ'גייט שוין זען אין א מינוט, ווייל וועגן דעם וועט מען גיין לערנען לגבי תנאי. דער רמב"ם האט אן אנדערע ריזן, יא.

**דיסקוסיע: פדיון ביי א פרוי אן נכסים**

**ר' יואל אשר:** אבער דער ראב"ד איז אויף די שטיקל,

**ר' יצחק:** ער מעג סתם? יא, וואס וועל איך טון. אקעי. יא. דאס איז די נקודה. אקעי.

**ר' יואל אשר:** אבער דאס איז טאקע א גוטע שאלה, למשל ווען זי האט נישט קיין פירות, זי ברענגט נישט אריין קיין פירות נכסים. זי ברענגט נישט אריין קיין נכסים.

**ר' יצחק:** איז ער פטור פון פדיונה? איז ער פטור פון פדיונה? אה, שטייט נישט דאס. די כנגד, די יכולה לומר אבער

**ר' יואל אשר:** דעמאלט איז דאך פדיונה איז אויך נאר, ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, יא? מסתם איז מער אפט אז זי זאל יא האבן נכסים, ווי אז זי זאל ווערן געפאנגען. יא? אבער אפילו אויב זי האט נישט געברענגט קיין נכסים, איז ער עניוועי מחויב איר אויסצולייזן.

**ר' יצחק:** I don't know I don't know יא. אקעי. יעצט גיימער לערנען נאך א ס'הייסט, יעצט ווייסט מען אסאך כללות'דיגע כללים, אז ס'איז דא די צען זאכן, מ'ווייסט דאך נישט וואס זיי מיינען די צען זאכן. בעיסיקלי די נעקסטע באנטש פרקים גייט זיין דורכגיין די אלע זאכן און מסביר זיין די דיטעילס וואס זיי מיינען. אבער נאך א זאך א זאך וואס א כללות'דיגע זאך וואס מ'דארף נאך לערנען איז, צו, יעצט האט מען געזאגט אז יעדער איינער וואס האט חתונה ווערט דאס מחויב אויטאמאטיש. דארף מען וויסן צו וועלכע עקסטענט מ'קען זיך ארומשפילן מיט דעם. צו מ'קען עס טוישן, צו מ'קען מאכן א תנאי.

**ר' יואל אשר:** אויסער כתובה איז דאך דא א תנאים. דער רמב"ם זאגט וואס זענען די תנאים?

**ר' יצחק:** יא.

**ר' יואל אשר:** נא, סתם א ווערטער-שפיל. אקעי. זאגט דער רמב"ם אזוי,

**ר' יצחק:** אה, די תנאים הייסט אויך אזוי ווייל דעמאלט מאכט מען עפעס תנאים, נא?

**ר' יואל אשר:** ניין, די תנאים איז נאר אז די כלה

**ר' יצחק:** און חתן זאלן נישט אנטלויפן,

**ר' יואל אשר:** זאלן קומען צו די חתונה.

**ר' יצחק:** יא, כ'פארשטיי, אבער ס'הייסט אזוי על שם די זעלבע אידיע, תנאי שידוכין, כ'ווייס נישט ווי מ'רופט עס.

**ר' יואל אשר:** איז אזוי, תנאים איז אזוי.

**הלכה ג — תנאי אקעגן די חיובים**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי, **"התנה הבעל"**, אויב דער מאן האט געמאכט א תנאי, **"שלא יתחייב באחד מן הדברים שהוא חייב בהן"**, אז ער זאל נישט מחויב ווערן מיט איינע פון די זאכן, **"או שהתנת האשה שלא יזכה הבעל באחד מן הדברים שהוא זוכה בהן"**, זי האט געמאכט א תנאי אז זי וויל נאר חתונה האבן על דעת אז דער מאן זאל נישט זוכה זיין אין די פיר זאכן וואס ער

**ר' יצחק:** איז זוכה פון איר, איז **"התנאי קיים"**.

**ר' יואל אשר:** דער תנאי ארבעט. ווען? זאגט דער רמב"ם, נישט ביי אלע זאכן. **"חוץ משלשה דברים שאין התנאי מועיל בהן"**, אויסער דריי זאכן וואס אויף דעם העלפט נישט דער תנאי. **"וכל המתנה עליהן"**, אויב איינער מאכט א תנאי, **"תנאו בטל"**, ווערט בטל. **"ואלו הן"**, די דריי זאכן: **"עונתה"**, ממ וואס איז מן

התורה. **"ועיקר כתובתה וירושתה"**, אז הגם זיי זענען דרבנן, אבער דעי זאך אז דער מאן דארף געבן מנה אדער מאתים, און דעי זאך אז דער מאן ירש'נ'ט די פרוי, דעי זאכן זענען נישט open for discussion, מען קען נישט מאכן קיין תנאי אקעגן דעם. ממילא, **"כיצד"**,

**ר' יצחק:** וואס קומט אויס? גוט, עד כאן. און דער רמב"ם גייט מסביר זיין פארוואס זענען זיי וואס ער מיינט. רייט.

**הלכה ד — עונה**

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם אזוי, א משל: **"התנה עם האשה"**,

**ר' יואל אשר:** ער האט געמאכט א תנאי מיט די פרוי, **"שאין לה עליו עונה"**, ער גייט חתונה האבן מיט איר אבער ער גייט נישט מיט איר טון עונה.

**ר' יצחק:** ער איז נישט מחויב. ער וויל יא צו ער וויל נישט,

**ר' יואל אשר:** אנדרע נעכט נעמט שוין דאך טון עונה, רייט. ער איז נישט מחויב.

**ר' יצחק:** ער איז נישט מחויב.

**ר' יואל אשר:** איז תנאו בטל? יא. ווערט דער **"תנאו בטל, וחייב בעונתה"**, ער איז ווייטער חייב בעונתה. פארוואס? **"שהרי התנה על מה שכתוב בתורה"**, ער איז מתנה אקעגן דעם וואס שטייט אין די תורה. מען קען נישט מאכן א תנאי אקעגן וואס שטייט אין די תורה, ביסט דאך שוין מחויב. מען קען יא, ווייל דיין, א מינוט נאכן מאכן די תנאי קומט צוריק ארויף אויף דיר א פרישע חיוב. דיין חיוב איז נישט תלוי אין דיין רצון טוב.

**ר' יצחק:** יא. **"ואינו"**,

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם צו נאך עפעס: **"ואינו תנאי ממון"**. ביי ממון איז יא דא אזא זאך אז אפילו עפעס וואס שטייט אין די תורה, אויב די צוויי צדדים שמועסן אפ אנדערש די ממון, די ממון איז דא געדן, ס'טייטשט למשל שארה כסותה, אויב זאגט זי איך דארף נישט דיין קליידער,

**ר' יצחק:** האט ער יעצט געזאגט אז ער קען,

**ר' יואל אשר:** רייט? קען מען יא.

**ר' יצחק:** קליידער האט ער געזאגט קען מען יא.

**דיסקוסיע: וואס איז ממון?**

**ר' יואל אשר:** וואס איז ממון? פיינע שאלה. איך מיין די ווארט איז ממון, ער מיינט ממון איז א הונדערט דאלער ביל איז,ביידע פון אונז גליבן אז דעי זאך איז ווערד, ווייל אונז ווייסן אז מיט דעם קען מען באקומען ווערד. ס'איז אסאך מער תלוי אין די דעת פון דעם מענטש. אויב א מענטש זאגט מיר איז מער ווערד אז דו קויפסט מיר נישט קליידער

**ר' יצחק:** אונז האבן שוין גערעדט וועגן דעם אין די פריערדיגע מאל וואס מען האט עס דערמאנט. איך ווייס נישט, די ריעליטי איז אז ס'איז דא א מחלוקת תנאים וועגן דעם. דער רמב"ם ווי אזוי ער לייגט עס דא אראפ איז אז כאילו באופן כללי מען קען נישט מתנה זיין על מה שכתוב בתורה אויסער

**ר' יואל אשר:** ביי ממון איז דא א

**ר' יצחק:** אזוי ווי עס שטייט בדבר שבממון תנאו קיים. א דבר שבממון קען מען יא, אבער דעיס איז דאך נישט קיין דבר שבממון, ווייל עונה איז נישט קיין זאך פון געלט. ס'שטייט נישט קלאר, אונז האבן שוין גערעדט וועגן דעם אז לכאורה דא אין די נושא אז ס'איז א דבר שבגוף אדער ס'איז א פשט ס'איז מער אקעגן די תורה פאר סאם ריזן, וואטעווער עס איז, ער קען נישט,

**ר' יואל אשר:** ממילא מען קען זאגן מער טיף, ווייל דאס איז דאך די עצם מהות פון זיין חתונה געהאט.

**ר' יצחק:** קען זיין. נאר איך האב שוין געזאגט, דו קענסט זאגן וואס דו

**ר' יואל אשר:** ווילסט ווייל דאס איז נישט וואס עס שטייט.

**ר' יצחק:** איך טראכט פון געבן די רשות'ן. יא, ס'איז א דבר שבממון. אויב ס'איז א דבר שבממון העלפט מיר א רשות, ווייל ס'איז נישט קיין דבר שבממון ווייסט איך נישט אויב ס'העלפט רשות, ס'איז נישט מעלה און נישט מוריד. אפשר מעג מען עניוועיס. בקיצור, איך פארשטיי נישט, כ'האב נישט געהאט און דער אמת איך פארשטיי נישט קלאר דער חילוק פון עונה מיט אנדערע זאכן, ס'איז ס'איז אויך א דבר שבין אדם לחברו, ס'איז א חיוב ממנו אליה. For some reason דאס הייסט נישט ממון, און ס'פארשטייט זיך די לויט ווי דער רמב"ם לייגט דא אראפ איז בעצם האט מען נישט געקענט גארנישט מאכן מתנה על מה שכתוב בתורה. אויף ממון איז דא א יוצא מן הכלל,

**ר' יואל אשר:** ממון איז זייער א פלעקסיבל זאך. וועגן דעם זאג איך אז ממון איז עפעס א מער א הסכמה צווישן מענטשן.

**ר' יצחק:** ניין שוין, עונה איז נישט קיין הסכמה צווישן מענטשן,

**ר' יואל אשר:** פארשטייסטו? עונה איז א עכטע זאך. עכט? עונה איז א געוויסע מעשה. ממון איז ממון איז עפעס וואס ביידע פארשטייען ווערט פון דעם.

**ר' יצחק:** נו נו, איך האב נייעס פאר דיר. דו גיי אין געשעפט און זאג אז דו האלטסט אז דיין הונדערט דאלער איז מער ווערט מער, ער זאל דיר געבן צוויי מאל.

**ר' יואל אשר:** ער האט דאך געזען למשל גבי ההנאה שמקבל מתנה

**ר' יצחק:** דאס איז נישט די ווארט, זי קען אויך מאכן ער צאלט איר עפעס אנשטאטס די עונה, ס'איז נישט וועגן דעם. ממון איז עפעס א זאך וואס מ'קען מאכן.

**ר' יואל אשר:** ס'איז קיינע עונה ס'איז א ס'איז א מוגדר'דיגע מציאות'דיגע זאך.

**ר' יצחק:** דער פאקט איז ווען איך האב נישט קיין געלט האב איז א גאר א גרויסע פאקט, ס'איז נישט קיין מ'קען אייך זאגן פון היינט ביז מארגן אז ס'איז דמיונות, די גאנצע עולם הזה איז דמיונות,

but למעשה it doesn't make any difference, אזוי אז נישט אז דאס איז דער תירוץ. אקעי. ס'איז דא עפעס אן אנדערע תירוץ, און שוין.

**הלכה ה — עיקר כתובתה**

**ר' יצחק:** אה דאס איז לגבי איין זאך, די ערשטע זאך עונה.

**ר' יואל אשר:** יעצט איז ער גיין ווייטער וועגן די תנאים וואס ער האט געזאגט אז עיקר כתובתה העלפט אויך נישט קיין תנאי, זאגט ער אז **"התנה עמה לפחות מעיקר כתובתה"**, איר צו געבן נאר נאר אה פופציק שקל, **"או שכתב לה מאתים או מאה עיקר כתובה"**, אדער אויב האט ער אריינגעשריבן א גרעסערע סכום עיקר כתובה,

**ר' יצחק:** וואס טייטש א גרעסערע? ניין, אדער ער האט געשריבן וכתבה לו,

**ר' יואל אשר: "וכתבה לו שנתקבלה מהם כך וכך"**, זי האט געשריבן אז זי האט שוין באקומען א חלק פון די געלט,

**ר' יצחק:** ס'הייסט **"והיא לא נתקבל"**.

**ר' יואל אשר:** למעשה איז זי נישט נתקבל, דאס איז א א משנה אין כתובות, דארטן איז דא א שיטה וואס זאגט אז אויב זאגט זי איך האב שוין אה איך האב באקומען איז זי קען מוחל זיין. אבער דער רמב"ם פסק'נט אז מ'קען נישט מאכן אזא תנאי, זי קען נישט מוחל זיין, **"תנאו בטל, שכל הפוחת לבתולה ממאתים ולאלמנה ממנה הרי זה כבעילת זנות"**, ס'איז דא דארטן א גירסא אין יענע משנה.

**ר' יצחק:** און דער רמב"ם זאגט ס'איז בעילת זנות. מ'האט שוין גערעדט וועגן דעם פריער. אז דאס איז דער כלל, דאס איז דער כלל.

**ר' יואל אשר:** ס'איז קיין legitimate בעילה.

**ר' יצחק:** אה בעיסיקלי אויף אידיש גערעדט, די חכמים ווילן אז יעדע פרוי זאל האבן א כתובה, נישט אז ס'זאל זיין א רעכט צו האבן א כתובה וואס מ'קען מוחל זיין און מאכן דאס, מ'קען נישט מאכן קיין דיעלס.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם זאגט דער תנאי איז בטל. רייט, און ער ווארפט אפילו אריין אז אפילו אויב אופן ש~ שנתקבלה, וואס דאס איז מער אזוי ווי באופן מחילה, אזוי ווי איך האב עס באקומען. ביי מיר איז עס כאילו איך האב עס באקומען, העלפט עס אויך נישט. רייט, ס'איז אסאך שטערקער, ווייל מ'שפילט אזוי אויף וואס ער האט געגעבן. יא,

**ר' יצחק:** אבער לויט וואס איך זאג אז די ריזען איז פארוואס די חכמים דארפן זייער גוט. אבער דאס וואס אונז פארשטייען אז די ריזען וואס די חכמים ווילן אז ס'זאל זיין א כתובה, איז פשט אז ס'העלפט נישט. איך וואלט געקענט טראכטן אנדערש, איך וואלט געקענט זאגן דער תנאי איז קיים, אבער א מינוט שפעטער קומט א נייע, אזוי ווי דו האסט געוואלט זאגן ביי דעם, סתם דער רמב"ן זאגט נישט- דער רמב"ן זאגט נישט אזוי. דער רמב"ן זאגט אז ס'איז קיינמאל נישט געווארן דער תנאי.

**הלכה ו — ירושת הבעל**

**ר' יצחק:** אקעי, נאך א זאך, די דריטע זאך:

**ר' יואל אשר: "התנה התנת עמו אחר שנשאה שלא יירשנה"**, זי האט געמאכט מיט אים א תנאי נאכדעם וואס זיי האבן חתונה געהאט, אז ער זאל איר נישט ירש'ענען, נאר אירע קינדער זאל איר ירש'ענען וואטעווער, איז **"תנאו בטל"**. איז דער תנאי בטל. זאגט דער רמב"ם: **"ואף על פי שירושת הבעל מדברי סופרים"**, הגם ירושת הבעל האט דאך דער רמב"ם אויסגערעכנט צווישן די זיבן זאכן וואס זענען מדרבנן. און אויב אזוי, פארוואס ווערט דער תנאי בטל? זאגט דער רמב"ם: **"עשו חיזוק לדבריהם כשל תורה"**. די חכמים אסאך מאל ווען זיי מאכן א א גזירה, זענען זיי מחזק זייערע ווערטער, זיי געבן עס א תוקף אזוי ווי די דברי תורה אליין.

**ר' יצחק:** און וואס שייכות דברי תורה? מ'האט יעצט געהערט אז דברי תורה קען מען אויך מאכן א תנאי. זאגט דער רמב"ם:

**ר' יואל אשר: "וכל תנאי שבירושה בטל, אף על פי שהוא ממון"**. הגם ביי ממון קען מען אייביג מאכן תנאים, אבער מ'קען נישט מאכן תנאים אקעגן ירושה. אויב איינער האט א זכות ירושה, קען מען עס נישט צונעמען מיט תנאים, **"שנאמר בה לחוקת משפט"**.

**הלכות אישות פרק י"ב: חיובי הבעל — ירושה ומזונות**

**הלכה א (המשך) — ירושת הבעל: חוקת משפט לא משתנה**

**ר' יואל אשר:** אנדערע

**ר' יצחק:** ווערטער חוק לא משתנה.

**ר' יואל אשר:** אהם. און דער רמב"ם אין הלכות נחלות זאגט, **"חוקת משפט לומר שחוקה זו לא תשתנה, ואין התנאי מועיל בה."** חוקק מיין איך מיינט חקיקה, ס'איז געקראצט. עפעס וואס מ'קראצט קען מען נישט אויסמעקן. אקעי, א נקודה.

**ר' יצחק:** די פוינט איז אז, איך וויל נאר איבערטייטשן וואס דער רמב"ם זאגט קלאר. ס'הייסט, ירושה באופן כללי קען מען נישט מאכן קיין תנאי, ס'איז דא א כלל הלכות ירושה אזוי. ירושת הבעל את אשתו איז דאך נישט קיין דאורייתא, וואלט מען געקענט יא מאכן א תנאי, אבער די חכמים האבן געמאכט א חיזוק אזוי ווי די תורה פון ירושה, מ'קען נישט מאכן קיין תנאי.

**ר' יואל אשר:** ס'איז א דין אזוי ווי אלע ירושות, אז מ'האט עס געגעבן א דין ירושה. אבער ס'איז אזוי ווי מן התורה אז א זון ירש'נט דעם טאטע, האט מען דאס געגעבן דעם מין דין אז דער מאן ירש'נט די פרוי.

**דער רמב"ם'ס חילוק: אחר שנשאה לעומת קודם שנשאה**

**ר' יצחק:** אבער דער רמב"ם זאגט א אינטערעסאנטע זאך אז, דאס איז נאר אחר שנשאה. ס'איז משמע אז קודם שנשאה קען ער

**ר' יואל אשר:** יא מאכן אזא תנאי.

**ר' יצחק:** אה, וואס איז פשט?

**ר' יואל אשר:** קען זיין אז קודם, מ'רעדט דאך דא פון איר געלט, יא? קען זיין אז קודם שנשאה אז ער זאל קיינמאל נישט קונה זיין, די געלט זאל נישט אריינקומען אין זיין רשות אזוי.

**ר' יצחק:** דאס וואלט ער יא געקענט.

**ר' יואל אשר:** מ'דארף טראכטן.

**ר' יצחק:** אפשר שפעטער שטייט שטייט קלאר אחר שנשאה.

**ר' יואל אשר:** אחר שנשאה, אויף די אנדערע איז

**ר' יצחק:** נישט געשטאנען אחר שנשאה.

**ר' יואל אשר:** וואו איז נישט געשטאנען? אויף די אנדערע איז נישט געשטאנען. יא,

**ר' יצחק:** יא. אחר שנשאה, איז משמע אבל קודם שנשאה קען ער יא.

**ר' יואל אשר:** קודם וועלן מיר זען שפעטער.

**ר' יצחק:** אזוי זעט עס אויס, פאר שור. אזוי זעט זיכער אויס. זאגט ער דא פון אונטן אז ס'שטייט אזוי?

**ר' יואל אשר:** אחר שנשאה.

**ר' יצחק:** נו, וואו איז עס? יא, דו גייסט זען בפירוש אין פרק כ"ג וויאזוי מ'קען, יא.

**דער ראב"ד'ס השגה: חסרון דעת נראה כאן**

**ר' יצחק:** דער ראב"ד זאגט, איז דא מחלק, דער ראב"ד פארשטייט נישט וואס דער רמב"ם וויל, און דער ראב"ד זאגט אז וואס? אז דא איז דא א חסרון דעת. חסרון דעת נראה כאן. זייער וויכטיג. דער ראב"ד האט געהאלטן אז דא א חסרון דעת. דער ראב"ד זאגט אז, קודם כל, דער ראב"ד האלט אז, דו געדענקסט?

**ר' יואל אשר:** דער ראב"ד האלט אז ס'איז יא א דין דאורייתא. קודם כל. איי ראב"ד פריער, יא. פון וואו לערנט ער ס'ארויס?

**ר' יצחק:** אויב אזוי, איז סתם אזוי נישט נוגע דאס.

**ר' יואל אשר:** פארוואס האלט דער ראב"ד אז ס'איז א דאורייתא?

**ר' יצחק:** האט ער עפעס א פסוק צו וואס? איך ווייס. ער זאגט אז ס'איז א דבר תורה. אומר אני. עפעס אזא לשון, יא? שטייט פריער אין הלכה... אומר אני, ירושת הבעל דבר תורה. אה, דאס איז אומר אני.

**ר' יואל אשר:** דער ראב"ד איז נישט מחדש קיין תורה אז דער ראב"ד זאגט אזוי.

**ר' יצחק:** מסתם האט ער געהאט א מקור. אויף דעם זאגט ער, יא. די גמרא זאגט עפעס א דרשה אויף דעם, און דער רמב"ם זאגט ס'איז אסמכתא, איך ווייס נישט וואס ס'איז אזוי.

**דער רמב"ן'ס שיטה און די דריי שיטות**

**ר' יואל אשר:** אויף דעם קריגט זיך דער רמב"ן אינגאנצן. ער זאגט אז מ'קען יא מאכן דעם תנאי שלא ירשנה. מ'האבן דא דריי שיטות: דער ראב"ד אז ס'איז ממש א דאורייתא... מגיד משנה זאגט? ער ברענגט זיי אונטן, יא.

**ר' יצחק:** על כל פנים, דער ראב"ד זאגט אז

**דער ראב"ד'ס טעם: ירושה איז דבר שלא בא לעולם**

**ר' יואל אשר:** דער טעם פארוואס מ'קען נישט

**ר' יצחק:** מאכן

**ר' יואל אשר:** קיין תנאי אויף ירושה איז ווייל ס'איז א דבר שלא בא לעולם.

**ר' יצחק:** בייבלייבן ביי דעם ראב"ד,

**ר' יואל אשר:** לאמיר זען די נעקסטע שטיקל. אה, ווער דאס זאגט אז ס'איז א דבר שלא בא לעולם?

**ר' יצחק:** אה. מ'קען נישט מאכן קיין... די זכות ירושה איז א דבר שלא בא לעולם אזוי ווי...

**ר' יואל אשר:** טייטש די נכסים איז דאך שוין דא.

**ר' יצחק:** די זכות ירושה איז א דבר שלא בא לעולם? עפעס אזוי. אינטערעסאנט. איך יאמר לאביו, ער זאגט באופן כללי ביי ירושה. ס'הייסט נישט נאר דא, באופן כללי, דער כלל אז ירושה קען נישט מאכן קיין תנאים. גיי צו דיין טאטע, זאג אים, איך האב נישט... דאס וואס איך גיי יר... וואס קומט דאס אריין? מען איז מקנה מש... אין לבושו. די ירושה איז דאך א זאך אז נאכדעם וואס דער מוריש שטארבט, באקום איך א רעכט. יעצט האב איך גארנישט. סא וואס טו איך מיט דעם?

**ר' יואל אשר:** מ'קען נישט זאגן אז ירושה איז אזוי ווי א גאנצע צייט א זכות, און ס'ווערט נאר ממומש, ס'ווערט נאר עקטשואליייזט ווען דער טאטע שטארבט? קענסט זאגן וואס דו... קענסט זאגן וואס דו ווילסט. מיט די קירבה פון דעם טאטע מיט דעם זון איז אז ער האט א... אז ער איז דער נאנטסטע צו נעמען זיינע נכסים.

**ר' יצחק:** קענסט זאגן וואס דו ווילסט, אבער דער ראב"ד האט אזוי געטראכט. אה, דו האסט בכלל א רעכט צו זאגן וואס דו ווילסט? מ'האט שוין גערעדט איינקליך... איז קיין דבר שלא בא לעולם.

**ר' יואל אשר:** וויפיל זאכן האבן מיר געשטעלט? איך האב זכותים.

**ר' יצחק:** צען זאכן האט א מענטש א זכות. ניין, ס'האלט זיך אז די רעכט געשעטט פון... יא.

**ר' יואל אשר:** פאלט מיר איין... קען אוועקגעבן די... אפילו מ'רעדט נאר אין שטותים, האבן מיר דא פאטענשל צו זאגן עפעס.

**ר' יצחק:** אקעי. קיצור, דאס איז די הייליגע...

**נקודה אינטערעסאנטע לויט דעם רמב"ם**

**ר' יואל אשר:** אבער אינטערעסאנט, דיווארט "לחוקת משפט" שטייט אויף ירושה בכלליות. נאר ער זאגט אז די חכמים האבן געזאגט אז דאס איז

**ר' יצחק:** אזוי ווי עני דאורייתא'דיגע ירושה. אהה. וואס האלטסטו אינדערין?

**ר' יואל אשר:** ס'איז אינטערעסאנט, לויט די ראב"ד פארשטיי איך אז דער מאן איז יורש, אבער לויט דער רמב"ם איז אביסל אינטערעסאנט, ווייל בעצם האבן דאך די קינדער די זכות ירושה, די חכמים זענען געגאנגען און עס אוועקגענומען פון די קינדער און עס געגעבן פאר דעם מאן.

**ר' יצחק:** יא? אקעי, זאל זיין. הא? יא, חכמים קענען טון וואס זיי ווילן.

## הלכה א (סוף) — תנאי אויף אנדערע זאכן

**ר' יצחק:** אקעי, עד כאן, ובשאר הדברים, אלע אנדערע...

**ר' יואל אשר:** אלע אנדערע, קומט אויס אז דריי פון

**ר' יצחק:** די פערצן זאכן קען מען נישט מאכן קיין תנאי,

**ר' יואל אשר:** אבער אויף אנדערע עלף, אלע אנדערע עלף זאכן תנאו קיים. כגון שהתנה עמה שאין לה שאר וכסות, און לכבוד דעם גייט ער נישט עסן פירות נכסיה,

**ר' יצחק:** אדער נאך א זאך. רייט. על מנת,

**ר' יואל אשר:** וכל כיוצא בזה, איז תנאו קיים. רייט.

**ר' יצחק:** ס'קען, מ'קען טוישן די דיעל, מאכן א מפורש'ע תנאי.

## איבערגאנג צו הלכות מזונות

**ר' יצחק:** יעצט, עד כאן בעיסיקלי האט מען געלערנט די כללי כללים פון די פערצן זאכן, חיובי וזכיות, וואטעווער, בעל ואשה, און די כלל וועלכע מען קען מאכן א תנאי, און יעצט גייט מען אנהייבן אייטש וואן, סאו די פרק דיעלט מיט די ערשטע, יא?

**ר' יואל אשר:** ס'איז די ערשטע?

**ר' יצחק:** יא. שארה אלו מזונות? ס'גייט על הסדר, די רעסט פון די פרק גייט דיעלן מיט הלכות מזונות. רייט.

### דיגרעסיע: די פראקטישע נפקא מינה פון חיובי הבעל

**ר' יואל אשר:** ס'איז זייער וויכטיגע הלכות דאס. מיט א פאר יאר צוריק איז מיין ווייב געווען שטארק נישט געזונט, און עסקנים האבן אנגעהויבן ווערן ביזי מיט דאס, אבער דעמאלטס נישט לאנג פארדעם געלערנט די הלכות, דער מאן האט א חיוב רפואה. דאס איז נישט א... עפעס וואס עני ארגאניזעישאן... נו, א מענטש קען מאכן אן ארגאניזעישאן א שליח, איך מיין נישט פון דא צו זאגן אז אן ארגאניזעישאן טאר זיך נישט מטפל זיין מיט א מענטשן'ס רפואה. אבער ס'איז א ערנסטע זאך אז א מאן, ווען ער וויל וויסן וואס איז מיין חיוב, מיטגיין מיט איר צו די דאקטאר, וויסן איר מעדיקל סיטואציע, זיין אינוואלווד אין איר העלטה.

**ר' יצחק:** אקעי, אונז האלטן נאך ביי מזונות.

**ר' יואל אשר:** ניין, איך זאג ס'איז אינטערעסאנט. למשל יעדער ווייסט, פדיון שבוים איז א מצוה גדולה מכל המצוות, אדער העלפן יעדע חולה איז א גרויסע מצוה. אבער ס'איז נאך אלץ דא ווער עס... ווער האט די ערשטע חיוב? דער מאן האט די חיוב פדיונה, ער האט די ערשטע חיוב קבורתה.

**ר' יצחק:** ס'איז פשט ער האט א חיוב געלט, מ'דארף, מ'קען כאפן זיין געלט און עס צאלן,

**ר' יואל אשר:** יא? אקעי. אונז זענען מיר זייער צוגעוואוינט אז ס'איז דא ארגאניזאציעס. אלע פראבלעמס, מען גייט צו די פדיון שבויים ארגאניזאציע, רפואה גייט מען צו די רפואה ארגאניזאציע. אבער די תורה זאגט, ניין, א מאן האט דאך, ער איז, ס'איז זעט אויס,

**ר' יצחק:** נאך עס קען זיין,

**ר' יואל אשר:** אז יענער טוט עס בשליחות פון די מענער, אזוי ווי א טאטע לערנט נישט מיט זיין קינד תורה, נאר דער מלמד טוט עס בשליחות. קען זיין, אבער...

**ר' יצחק:** וויסן, וויסן אז ס'איז דא אזא זאך. שוין.

### דיסקוסיע: צי זענען דאס הלכות ממון אדער הלכות טורח?

**ר' יצחק:** אבער די... מ'דארף וויסן, די אלע הלכות זענען געמאכט פאר גבירים וואס האבן געלט. ער רעדט פון א מענטש היינט,

**ר' יואל אשר:** ער איז מחויב די רפואה סתם.

**ר' יצחק:** לאמיר זאגן זיין ווייב... אז א מענטש, א מענטש'ס ווייב האט א מחלה, עס קאסט א מיליאן דאלער. איך מיין, אויב ס'איז דא אינשורענס, ער דארף צאלן אינשורענס. איך ווייס נישט. ס'איז אלץ נוגע,

**ר' יואל אשר:** ס'איז טייטש, למשל, ער דארף ריטשן צו די ארגאניזאציע... הוצאות פון די פרוי, ס'איז נישט קיין געלט. די ארגאניזאציע דארף צאלן געלט. די מחדש חידושים, דרך אגב,

**ר' יצחק:** אכטונג געבן מיט די מחדש חידושים זיין.

**ר' יואל אשר:** דער תמחוי טיילט געלט. אבער ער דארף ארויסריטשן צו תמחוי, ווייל ס'איז זיין אחריות. דער תמחוי טוט עס ווייל זיי נעמען איבער אביסל זיין רעספאנסיביליטי.

**ר' יצחק:** איך בין נישט מסכים מיט דיר, דו זאגסט... ס'הייסט, נישט מסכים להלכה. אוודאי, דאס זאל מען אזוי טון. אבער די הלכה פון... אלע הלכות וואס מיר רעדן דא זענען הלכות. ס'הייסט, חוץ פון עונה, אזוי ווי מ'זעט אז ס'איז נישט קיין דבר שבממון. אלע אנדערע הלכות זענען דבר שבממון, ס'מיינט אז ער איז מחויב געלט. ס'שטייט נישט אז ער איז מחויב צו טורח זיין צו גיין רופן א דאקטער. אוודאי איז א נארמאלער מענטש גייט עס טון.

**ר' יואל אשר:** אבער... יא, דו ביסט גערעכט אויכעט אז די גאנצע תורה איז געגעבן געווארן פאר נארמאלע מסודר'דיגע מענטשן וואס האבן וואס האבן געלט און א הויז. ס'איז נישט געמאכט געווארן פאר וואנדערערס און נע ונד מענטשן וואס... מ'זעט אויך... אלע הלכות זענען געבויעט אויף אזוי ווי

**ר' יצחק:** ער האט א נכסים, ער האט פירות... א מענטש וואס האט... יא,

**ר' יואל אשר:** א מענטש האט קעיפעביליטיס. זאל מען לערנען שפעטער וואס אן עני...

**ר' יצחק:** לערנען יעצט.

**הלכה ד — שיעור מזונות**

**ר' יצחק:** הלכות מזונות, לאמיר זען. שוין,

**ר' יואל אשר:** גיי מיר ווייטער. יעצט גייט מען אריינגיין מער אין דיטעילס. ער איז מחויב מזונות. נו, וויפיל מזונות? יעדן טאג קען מען זיך פייטן ביי דער רב,

**וואס מיינט "פוסקין לאשה"?**

**ר' יצחק:** "איך האב אים אויסגעגעבן עפעס". ניין, ניין, איך גיי דווקא נישט זאגן די זאך. קודם כל מזונות מיינט אז ער מיט איר וואוינען מיט די זעלבע קיטשען. און ער געבט איר, ער האלט אויס די קיטשען. דאס איז נארמאל. דער שיעור איז... מ'גייט יעצט פרעגן אזא שאלה אזוי. ס'שטייט "כמה מזונות פוסקין לאשה". פוסקין לאשה מיינט ווען דער מאן איז נישט אינדערהיים אדער עפעס. אדער מ'קומט אין בית דין און די פרוי זאגט... בית דין זאגט, "נעם געלט", דעמאלטס איז דא שיעורים. ס'איז אוודאי, נארמאלע דעילי לייף איז נישט שייך דא גארנישט. איך מיין, ער איז א חיה רעה, ער געבט איר ווייניגער ווי צוויי ברויטלעך, וואטעווער וואס מ'גייט לערנען דא, ער דארף עס סתם אזוי פעטש.

**ר' יואל אשר:** עס קען אויך זיין נוגע א נארמאלער מענטש. למשל, א מענטש וואס איז זייער קארג, און פאר זיך איז ער גרייט ער איז זייער ווייניג, ער איז זייער קארג.

**ר' יצחק:** דאס קען זיין,

**ר' יואל אשר:** אבער איך וויל זאגן דאס איז מיין סטאנדארט. פוסקין איז נישט...

**ר' יצחק:** פוסקין מ'געבט א פסק, פוסקין מיינט אז מ'איז קוצב,

**ר' יואל אשר:** מ'געבט איר ווען דער מאן

**ר' יצחק:** איז נישט דא און דער בית דין גייט אין זיין געלט, און זיי נעמען פון די באנק. אבער ס'נעמט נישט פון דעם אלץ, איך וויל זאגן ס'איז נישט קיין הלכות וויפיל געלט מ'דארף געבן. דאס וואס דו ווילסט וויסן שלום בית, דער תירוץ איז וויפיל זי דארף, דאס איז נישט וויפיל ער האט, וויפיל זי דארף, וכולי.

**דער רמב"ם'ס שיעור: לחם שתי סעודות בכל יום**

**ר' יואל אשר:** אקעי, זאגט דער רמב"ם, וואס איז דער שיעור? די אלע זאכן זענען משניות אין מסכת כתובות. זאגט דער רמב"ם אזוי: **"פוסקין לה"**, דער בית דין למשל אויב קומט עס צו אזא מצב, איז דער בית דין פוסק, דער בית דין מאכט די תקציב, די באדזשעט, אז ס'קומט זיך איר **"לחם שתי סעודות בכל יום"**, צוויי סעודות א טאג פון לחם, אזוי ווי מ'האט געלערנט אויך ביי לגבי שבת, יא, שבת עסט מען דריי סעודות, און א נארמאלע טאג עסן מענטשן צוויי סעודות, אזוי פלעגט זיין.

וואס מיינט... וואס טייטש סעודה? זאגט דער רמב"ם, אזוי ווייט קען איך שוין נישט אריינלייגן דעם לעפל אין מויל מיט אלע דיטעילס, נאר קוק וואס א **"סעודה בינונית של כל אדם באותה העיר שאינו לא חולה ולא גרגרן"**. ס'מאכט זיך אמאל א קראנקער מענטש וואס עסט ווייניגער, אדער א פרעסער וואס עסט מער, דאס זענען יוצא מן הכלל, נאר צוויי מאל א נארמאלע סעודה וואס איז אנגענומען אין יענע שטאט. נישט די דרך הממוצע? רייט, וואל זיין א גוט דרך ה... ס'איז דא א דרך ה... יא.

**"ומאותו מאכל של אנשי אותה העיר"**, דאס איז אנגענומען אין יענע שטאט אלס א אנגענומענער מאכל. אויב אין יענע שטאט עסט מען **"חיטים, חיטים"**, אויב אין יענע שטאט עסט מען **"שעורים, שעורים"**, **"וכן אורז או דוחן"**, אדער קען מען יוצא זיין מיט אורז אדער דוחן,

**ר' יצחק:** **"או משאר מינין שנהגו בהן"**, וואס איז אנגענומען אין יענע שטאט. חוץ פון די ברויט באקומט מען אויך עפעס?

**פרפרת לאכול בה הפת**

**ר' יואל אשר:** רייט, אויסער די ברויט עסט מען עפעס מיט די ברויט, **"ופוסקין לה פרפרת לאכול בה הפת"**, עפעס צו עסן מיט די ברויט, **"כגון קטניות"**, באנדלעך, וואטעווער, ברויט קומט מיט חומוס אדער מיט עפעס, **"או ירקות וכיוצא בהן"**. און חוץ פון דעם, אויסער דעם דארף זי באקומען **"שמן**

**הלכות אישות — שיעור מזונות: ברויט, פרפרת, שמן, פירות, וויין**

**הלכה יב (המשך) — פרפרת לאכול בה את הפת**

**ר' יצחק:** אהה חוץ פון די ברויט, באקומט מען אויך אה?

**ר' יואל אשר:** אויסער די ברויט, עסט מען עפעס מיט די ברויט. **ופוסקין לה פרפרת לאכול בה את הפת**, עפעס עסן מיט די ברויט. **כגון קטניות**, באנדלעך, וואטעווער, ברויט קומט מיט חומוס אדער מיט עפעס, **או ירקות.**

**ר' יצחק:** וכיוצא בהן. חוץ פון דעם?

**שמן לאכילה ולהדלקת הנר**

**ר' יואל אשר:** אויסער דעם דארף זי באקומען שמן, אויל דארף זי באקומען אסאך אויל. איך מיין דער רמב"ם אליין אגא די משנה זאגט א די סכום שמן, איך געדענק נישט, א גרויסע סכום. די גרויסע סכום מוז זיין אז האלב איז לאכילה, האלב להדלקת הנר. שמן לאכילה ושמן להדלקת הנר. ס'שטימט דאס זייער גוט אז ביי נר שבת איז אן ענין פון שלום בית, ווייל א מענטש האט א חיוב צו צושטעלן שמן אז ס'זאל זיין לעכטיג אינדערהיים.

**פירות ומעט יין**

**ר' יואל אשר: ופירות**, די משנה נאנקט אויך, אויסער ירקות וואס מ'עסט מיט די ברויט, הייסט פירות מיינט מן הסתם מער אזוי ווי קאמפאט, א דעזערט. **ומעט יין לשתות, אם היה מנהג המקום שישתו הנשים יין**, אויב איז דער מנהג המקום אז פרויען זאלן טרינקען וויין, זאל ער איר צושטעלן וויין. אבער אפילו דעמאלטס זאגט דער רמב"ם מעט, ווייל ס'זעט אויס אז אלע פלעצער איז דאס דער מנהג ישראל, אז מ'טרינקט נישט אסאך וויין, ס'איז א גנות

פאר א פרוי צו טרינקען וויין. און דער רמב"ם פסק'נט אויס, די אנדערע ראשונים זאגן אז א פרוי טרינקט נישט וויין, אבער זאגט דער רמב"ם אביסל וויין אויב איז דער מנהג המקום אזוי.

**ר' יצחק:** דאס איז א גאנצע וואך. און שבת,

**ר' יואל אשר:** ס'שטייט נישט למשל וואסער. פארוואס שטייט נישט וואסער? קען זיין וואסער איז פשוט,

**ר' יצחק:** אדער וואסער איז פאר פרי.

## שלש סעודות לשבת — בשר או דגים

**ר' יואל אשר:** **ופוסקין לה,** ווייטער, דאס איז אינדערוואכן, און פאר שבת, **ופוסקין לה שלש סעודות לשבת,** דריי סעודות, פלאס שבת קומט צו **בשר או דגים כמנהג המקום.** ס'דארף נישט זיין ביידע. אונז עסן פיש און פלייש, דאס איז שוין א גרעסערע הרחבה. פיש אדער פלייש, פארט כמנהג המקום.

## פאקעט מאני — מעה כסף בכל שבת ושבת

**ר' יואל אשר:** וחוץ פון דעם? זאגט דער רמב"ם ווייטער, אויסער עסן דארף ער איר אויך געבן פאקעט מאני, און דאס איז נאך בגדר שאר. דאס הייסט מזונות,

**ר' יצחק:** אינטערעסאנט. מזונות אינקלודט אלע אסאך זאכן, יא.

**ר' יואל אשר:** **ונותן לה בכל שבת ושבת,** איינמאל א וואך, שבת ער מיינט נישט אבויעסלי שבת, געבט ער איר **מעה כסף.**

**ר' יצחק:** שבת איז טייטש א וואך. רייט.

**ר' יואל אשר:** נישט שבת קודש. ניין, ניין. א וואך הייסט נאך שבת. אזא ענין פון דערמאנען שבת, למען תזכרו. געבט ער איר אזוי ווי מ'זאגט היום יום שני בשבת, אבער צוויי טעג נאך שבת, נאך די נייע שבת. מעיבי.

**ר' יצחק:** דאס הייסט, עס שטייט אין תורה שבע שבתות. עס מיינט זיבן וואכן, נישט זיבן שבת'ן. דאס מיינט עס.

**ר' יואל אשר:** דאס הייסט, אז מ'זאגט דערנאך שבוע, מ'מיינט שבוע אזוי. אקעי. ער געבט איר יעדע שבת **מעה כסף לצרכיה.** איך מיין, ער האט שוין צווישן אלעמאל ווען דער רמב"ם האט אויסגערעכנט צי אין הלכות מחצית השקל צי פריער, ער ווייסט מען שוין וואס א מעה דארף זיין. **כגון,** וואס זענען א מינע צרכים? **כגון, פרוטה לכבס,** צו וואשן וועש, אדער זיך צו וואשן דעם גוף. ער מיינט גופניות'דיגע זאכן, **וכיוצא בהן.**

## בעני שבישראל / עשיר / עני ביותר

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, איז דער רמב"ם מסביר, די אלע זאכן וואס איך האב יעצט געזאגט אז מ'געבט ברויט מיט ירקות, פון וועם רעדט מען דא? זאגט דער רמב"ם, **בעני שבישראל,** דאס איז די מינימום. אז קיינער באקומט נישט ווייניגער ווי דעם. **אבל אם היה עשיר,** אויב איז ער אן עושר, **הכל לפי עשרו** האט ער צו טון לויט זיינע עשירות. **אפילו היה ממונו ראוי שיעשה לה כמה תבשילי בשר בכל יום,** אויב איז ער אזא עושר, אז זיין סדר החיים איז אז מ'מאכט יעדן טאג פארשידענע מיני פליישן, איז ער ווערט מחויב צו טון דאס ווייל ער האט די געלט. **כופין אותו,** צווינגט מען אים, **מ'פוסק לה מזונות כפי ממונו,** מ'איז אים מחייב ער זאל צושטעלן די עסן לויט די סטאנדארד.

זאגט דער רמב"ם: ואם היה... אקעי, ואם... אבער וואס טוט זיך...

**ר' יצחק:** דאס הייסט, דער רמב"ם איז מסביר דעם שיעור. מיר האבן געלערנט,

**ר' יואל אשר:** דער שיעור איז א מינימום שיעור פאר אן עני שבישראל. עס מיינט א נארמאלע עני. צווישן די אידן איז אויך דא דאס הייסט

**ר' יצחק:** אז די קלאס פון עניים.

**ר' יואל אשר:** **ואם היה עני ביותר,** עס קען זיין מער ווי עס,

**ר' יצחק:** ווייניגער קען נישט, קען מען נישט. דאס איז ער מסביר. אויב ער איז עני ביותר,

**ר' יואל אשר:** יא? **ואם היה עני ביותר,** ער איז מער עני ווי די עני שבישראל. ער איז זייער עני **ואינו יכול ליתן לה.** נו, איך מיין דא זאגן א פשט אז עני שבישראל מיינט א קלאס. ער איז פון די קלאס וואס הייסט עניים. די קלאס פון עניים האט ווייניג געלט, אבער זיי קענען צושטעלן אביסל חטים, אזוי ארום. אויב זי איז נאך א גרעסערע עני, **ואינו יכול ליתן לה אפילו לחם שהיא צריכה לו,** צווינגט מען אים איר מוציא צו זיין. ער קען נישט אויפהאלטן א ווייב אן געלט, פארשטייט זיך, אויב זי וויל. **ותהיה כתובתה,** איי ווען ער גט זיך ווערט ער יעצט מחויב בכתובה, און דו רעדסט דאך אז ער איז א עני, ער האט נעבעך נישט קיין פינאנץ באטער, ווילסטו אים יעצט אז ער זאל געבן מאה כסף? וועט איר כתובה זיין **א חוב,** אזוי ווי אייביג כתובה ווערט א חוב, **עד שתמצא ידו ויתן,** ביז ער וועט טרעפן געלט און איר געבן. מ'רעדט דאך דא באופן ווען זי וויל ארויסגיין. זי קען מחליט זיין, וואס איז טייטש? הגם אלס דין מה מסתמא מה שכתוב בתורה וועט ער בלייבן ווייטער מחויב. אבער אויב זי איז מוחל, זי איך וויל ענדערש וואוינען מיט א ארימאן ווי זיין אליין אויפ'ן גאס, לכאורה קען זי.

## דיסקוסיע: צו מ'קען צווינגען א מאן צו גיין ארבעטן?

**ר' יצחק:** דאס איז אבער גארנישט, אלע הלכות די גאנצע אלע הלכות וואס מ'גייט יעצט לערנען איז ווען מ'איז שוין אין פעז. שלום בית איז שוין לאנג נישטא אין די הויז, אדער ס'איז קיינמאל נישט געווען אדער ס'זענען אזעלכע אלטמאדישע אידן וואס האלטן נישט פון שלום בית, איך ווייס נישט. די פוינט איז, דא רעדט מען אז זי זאגט "קום אהער ער איז א ארימאן וואס זאל איך טון איך האב נישט", נאו פראבלעם, דו האסט נישט, ביסט א פוטר, דארפסט נישט האבן קיין ווייב אויך נישט.

**ר' יואל אשר:** רייט, סאו דא פארשידענע מוסר, פון דא פארשטייען מיר אונז. די רמב"ם זאגט נישט די ווערטער אבער אונז קענען מיר דא פארשטיין אז א מענטש האט נישט קיין געלט ווייל ער ארבעט נישט, איך ווייס, ער איז א גרויסער תלמיד חכם ער וויל לערנען, אבער ער איז מחויב מזונות,

**ר' יצחק:** דארפסטו גיין ארבעטן.

**ר' יואל אשר:** שטייט נישט אז מ'דארף גיין, ניין. ער ברענגט צו אין די אין די שולחן ערוך גייט מען אריין מער אין דיטעילס פון דעם. אין שולחן ערוך א שאלה וואס טוט זיך וואן ער האט יא געלט און ער וויל איר נישט געבן, וואס טוט מען? איז כופין אותו להוציא אדער כופין אותו צו געבן געלט?

**ר' יצחק:** מ'האט יעצט געלערנט, פארשטיי נישט דאס איז די פריערדיגע זאך, ווען ער האט יא געלט און ער האלט נישט ביים עס געבן,

**ר' יואל אשר:** הדא הוא דכתיב כופין אותו ופוסקין לה.

**ר' יצחק:** אה. און ווייטער די שאלה אויב ער האט נישט קיין געלט איז כופין אותו להוציא. טאמער דאס מיינט ס'איז דא א נייע שאלה וואס רבינו תם האט זיך געשלאגן מיט זיין חבר רבי אליהו מיין איך, אז וואס איז אויב ער האט נישט קיין געלט אבער ער קען גיין ארבעטן, צו מ'קען אים צווינגען צו גיין ארבעטן. דאס איז געווען א מחלוקת צווישן די ראשונים. ס'איז נישט קלאר. און להלכה למעשה כידוע איז אז די פארוואס די ליטוואקעס האלטן זיך חסידים פון די גר"א? ווייל די גר"א פסק'נט אזוי ווי רבינו תם. ס'איז דא א מחלוקת, רבי אליהו האט געזאגט אז ס'שטייט אין די כתובה אנא אפלח ואוקיר, האט ער געטייטשט אפלח מיינט ארבעטן, קען מען צווינגען א מענטש צו גיין אין דער ארבעט, וועסטו האבן געלט פאר דיין ווייב. רבינו תם האט געזאגט ניין, ס'איז דא א חיוב געלט, אזוי ווי מ'האט יעצט דא געזאגט, די תורה געבן מיר פאר גבירים, זיי האבן געלט און האלטן נישט ביים געבן, כאפן מיר אוועק זיין געלט, אבער ס'איז נישט קיין חיוב אז א מענטש דארף גיין ארבעטן. פון דעם די אלע ליטוואקעס האלטן זיך חסידים פון די גר"א ווייל האלטן אזוי אז עס איז נישט קיין חיוב צו גיין ארבעטן. איך הער. באט ס'איז א מחלוקת לשונות. א מחלוקת, אין שולחן ערוך ברענגט בײדע שיטות. יא.

**ר' יואל אשר:** אקעי. שוין.

**ר' יצחק:** זייער גוט. דאס איז דער נארמאלער סדר, דאס איז אלץ מ'רעדט מן הסתם דער נארמאלער סדר איז אז ער ארבעט און ער האט געלט אדער ער האט נכסים וואטעווער.

### דיסקוסיע: עולה עמה ואינה יורדת עמה

**ר' יואל אשר:** דא איז דאך געשטאנען אז די אלע, די מינימום וואס מ'האט געלערנט וויפיל מ'דארף געבן איז בעני, אבער אן עושר דארף געבן מער. ס'שטייט דא די עולה עמה ואינה יורדת עמה? שטייט שפעטער? לאמיר לערנען וואס ס'שטייט שפעטער, אבער איך געדענק א שיינע הלכה אין שולחן ערוך, אז מ'גייט לויט די בעסערע סטענדארד פון בײדע פון זיי. אויב דער מאן איז אן עושר, דארף ער געבן לויט זיין הויכע סטענדארד, און אויב זי קומט פון א רייכע פלאץ, דארף ער איר געבן לויט איר הויכע סטענדארד.

**ר' יצחק:** דא שטייט נישט די הלכה, מ'דארף זען. ס'שטייט ביי אנדערע זאכן, מ'דארף פארשטיין צו ס'איז א כלל אדער נישט. איך ווייס נישט. אקעי. דער רמב"ם גייט ווייטער. אקעי בקיצור מ'דארף ס'קען זיין אז מזונות האט נישט דער כלל אדער נישט לגבי דעם.

**ר' יואל אשר:** א לוקסוס איז א ענין פון כבוד.

**ר' יצחק:** אקעי לאמיר זען. איך ווייס נישט, ביז דערווייל נישט געשטאנען.

**ר' יואל אשר:** לכאורה מן הסתם, האב א מינוט.

### הלכה יג — בעל שרצה ליתן לאשתו מזונותיה ותהיה אוכלת לעצמה

**ר' יואל אשר: "בעל שרצה ליתן לאשתו מזונותיה הראויות לה"** ער וויל איר געבן די עסן וואס ס'קומט זיך איר, אבער ער וויל נישט זיין בשותפות מיט איר, עסן צוזאמען מיט איר. פון דא זעט אויס אז ביז יעצט האט מען גערעדט אז זיי עסן צוזאמען,

**ר' יצחק:** זיי זאלן שערן א קיטשען מיט עסן.

**ר' יואל אשר:** דא וויל ער זאגן אזוי, ער וויל איר געבן געלט ווי זי איז, **"ותהיה אוכלת ושותה לעצמה."** ער וויל אז זי זאל עסן און טרינקען אליין פאר זיך, **"והוא אוכל ושותה לעצמו"** ער טרינקען און עסן פאר זיך. **"הרשות בידו"**, ווייל די חיוב מזונות מיינט נישט דאס אז מען מוז עסן צוזאמען סאפער צוזאמען, נישט דאס איז טייטש, נאר דאס אז זי זאל נישט זיין הונגעריג, זי זאל האבן וואס צו עסן. אבער ס'איז יא דא איינמאל א וואך איז יא דא א דין פון עסן צוזאמען. **"ובלבד שיאכל עמה מלילי שבת ללילי שבת"**, לילי שבת זאל ער יא

**ר' יצחק:** עסן צוזאמען מיט איר.

**ר' יואל אשר:** זעט אויס אז דאס איז אויך א חלק אין מצות שאר. זייער אינטערעסאנט.

### דיסקוסיע: צו דאס איז עונה אדער שאר?

**ר' יצחק:** וואס מ'קען טראכטן דאס איז

**ר' יואל אשר:** אפשר צוליב עונה אדער מצות עונג שבת. ס'האט צו טון מיט דעם. און דאס איז דאך אפילו באופן ווען זי איז א נדה אדער עניטינג, אבער דער רמב"ם לייגט עס אריין אונטער די ווארט שאר.

**ר' יצחק:** וואס ער איז נישט פון די מענטשן וואס זענען גראדע מחויב בעונה משבת לשבת, יא? ס'איז דאך נאר א שיעור פאר תלמידי חכמים. אדער ס'איז דא מיט גרעסערע שיעורים, מיט קלענערע שיעורים. זעט אויס אז דאס איז א סארט עונה כאילו. ס'מוז זיין.

**ר' יואל אשר:** מ'רעדט נישט. אין שאר. ס'קען זיין אז א דין פון שאר אז א מענטש דארף האבן דע סטענדערד פון עסן וואס זיי זענען צוגעוואוינט. דע עסן פון שבת האט נאך א תנאי, אז מ'עסט עס מיט נאך מענטשן.

**ר' יצחק:** מאי נפקא מינה, ס'באלאנגט דא ווייל ס'איז הלכות מזונות. ער האט א רעכט צו משרה זיין על יד השליש. ער מוז נישט זיצן יעדן טאג מיט איר, אבער איינמאל א וואך מוזטו יא. אבער אמת, ביי דע ווער, ליל שבת לכאורה אזוי ווי ביי עונה,

ס'מיינט נישט דוקא פרייטאג צונאכטס, נארמאל איז אפשר פרייטאג צונאכטס, אבער ס'קען זיין זונטאג אויך.

**ר' יואל אשר:** יא, ס'זעט אויס, מלילי שבת ללילי שבת.

**ר' יצחק:** יא, ס'מיינט נישט, ס'מיינט אזוי ווי ביי עונה זענען מיר געלערנט, ס'איז דא צוויי דינים אין דעם. ס'מיינט בפשטות, אויב ער וויל, אויב ער איז א גרויסע רבי און שבת פירט ער טיש, קען ער עס מאכן זונטאג.

### מעשה מיט'ן חפץ חיים

**ר' יואל אשר:** כ'האב געהערט א מעשה אז רבי מאיר שפירא, כ'האב געהערט פון ר' נח אייזיק עלבוים, מגדולי תלמידי חכמים שבדור, אז רבי מאיר שפירא איז געווען באזוכן ביים חפץ חיים. ער איז געווען דארטן מיטוואך אדער דאנערשטאג, און ער האט געפרעגט דעם חפץ חיים אויב ער וויל זיך אינווייטן פאר דע פרייטאג צונאכטס סעודה, מיטהאלטן א סעודה ביי דע גרויסע חפץ חיים. האט דער חפץ חיים געזאגט, "זייער גערן, אבער כ'ווייס ביי ענק אין גאליציע וועט מען אומבאקוועם זיצן לעבן א אשה אדער ביי איין טיש מיט א אשה, און איך גיי נישט מוותר זיין אויף דע הלכה פון יאכל עמה מלילי שבת ללילי שבת." און טאקע איז ער נישט געבליבן. נישט געוואלט מוותר זיין, אבער ביי חסידים האט מען גרינגער מוותר געווען אויף דעם.

**ר' יצחק:** שוין, נישט קיין חילוק, אבער זאל זיי מאכן א זונטאג, וואס א חילוק? דאס איז דאך.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קלאר, וואס שטייט דא מלילי שבת, קען זיין אז ס'איז יא דא עפעס א דין אין עונג שבת.

**ר' יצחק:** אקעי, ס'איז דא א דין, אבער דע עיקר חיוב איז איינמאל א וואך, אזוי מיין איך, ס'איז פשוט. אזוי ווי מ'זעט, משבת לשבת. איינמאל א וואך זאל ער עסן מיט איר. אקעי, און ווייטער, אויף דעם קען זי אויך מוחל זיין, ביי דע וועי. ס'איז אפשר א דבר שבממון, ס'איז פארט פון שאר לויט וואס דו זאגסט. מ'רעדט דאך אז זי האט א תביעה, זי קען. זי קען קומען זאגן אז זי וויל דאס. אקעי, נאך א הלכה.

## מזונות אשה: תרומה פאר אשת כהן, מזונות בנים, און דינים נאך גירושין

### המשך: תרומה פאר אשת כהן

**ר' יואל אשר:** וואס קען זי יעצט טון? איז די עסן אירע, און זי קען עס יעצט גיין פארקויפן? אדער... זאגט די הלכה, המותר לבעל. הייסט שוין נישט פשט אז וואס מ'האט קובע געווען איז איר'ס. זי האט נאר די זכות אין דעם אז זי קען עס עסן, אבער זי עסט עס נישט, דארף עס צוריקגיין. גייט עס צוריק צו די בעל.

**ר' יצחק:** שוין.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם נאך א הלכה אזוי. **היה בעלה כהן**, אויב די פרוי איז חתונה געהאט צו א כהן.

**ר' יצחק:** און א כהן האט דאך אסאך תרומה.

**ר' יואל אשר:** וואלט ער געוואלט... אה, אשת כהן מעג עסן תרומה. און א כהן זוכט אויך צו פושן ווי מער תרומה, יא, ווייל ער האט דאך תרומה קומט אים בחנם, פאר אים איז עס פרי. איז וואלט ער געוואלט געבן פאר זיין ווייב אלע זיינע תרומה. אבער תרומה מעג מען דאך נאר עסן בטהרה. איז **אינו נותן לה כל מזונותיה תרומה**, פאר א פרוי איז עס שווער ווייל זי איז דאך א חלק צייט איז זי א נדה, וועט אויסקומען שווער אז זי וועט זאגן, אקעי, גיי פארקויף, אבער דער חלק פון דעם חיוב איז אז ער זאל איר געבן עסן וואס זי קען גלייך עסן. איז **אינו נותן לה כל מזונותיה תרומה, מפני שטורחת גדול הוא לה לשמרן מדבר המטמאן ולאכלן בטהרה**, אז זי זאל עס אייביג דארפן אפהיטן און עסן דוקא בטהרה. **אלא נותן לה מחצה חולין ומחצה תרומה**, א חלק...

**ר' יצחק:** ס'איז דא א פשרה אזוי ווי האלב תרומה מעג ער יא געבן, אזוי פיל לאזט זי זיך שוין איינצוגעבן. אפשר וועגן דעם, אפשר ווייל א חלק צייט איז זי טהור.

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט צו מ'רעדט דא פון נדה ממש, אדער אפילו אן נדה, ווייל דאס אז מ'דארף עס האלטן בטהרה איז א פרעשור אויף איר.

**ר' יצחק:** דאס איז ווי איך האב זיך איינגערעדט.

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט, איך האב עס געלערנט האב איך אויך געטראכט אזוי. וועגן דעם שטימט מחצה, מחצה, ווייל בערך האלב צייט אה...

**ר' יצחק:** יא, אבער ס'איז דאך אלץ א... ניין, ס'איז א פרעשור. מצד אחד, איך מיין אז דאס איז א פשרה, מצד אחד קען זי... דער כהן האט דאך תרומה, וואס ווייל מען זאגן אז ער זאל עפעס עקסטער צוצאלן ווייל ער האט חתונה געהאט? פארדעם האט דאך די תורה געזאגט, פאר זיין פרוי מעג עסן תרומה וועגן דעם, ניין? קענסט נישט... עס איז האלב, עפעס אזא פשרה, אזוי מיין איך. אקעי.

### חיוב מזונות בנים ובנות הקטנים

**ר' יצחק:** יעצט גייען מיר לערנען אז חוץ פון דעם וואס ער דארף צאלן פאר זיין ווייב, דארף ער פאלן צו עסן פאר זיינע קינדער.

**ר' יואל אשר:** אה, דאס איז נאך א חלק אויך פון די מצוה שאר.

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קלאר. ס'זעט אויס דער רמב"ם זאגט אזוי. זיי האבן געלערנט באריכות אין כולל, ווען זיי האבן געלערנט. דער רמב"ם, איך מיין אז דער רמב"ם איז גערעכט, אבער די פוסקים ווילן עס נישט אננעמען להלכה. ס'איז א קליינע נפקא מינות להלכה. אבער ס'זעט אויס אז דאס איז פארט אז קענסט נישט נעמען א פרוי און אירע קינדער זאלן הונגערן.

**ר' יואל אשר:** רייט, ס'זעט אויס ווי דאס איז די וועג וויאזוי דער רמב"ם זאגט עס, ווי ער לייגט עס, זעט אויס אז ס'איז א דין אין מזונות.

**ר' יצחק:** מזונות אשתו איז עס.

**ר' יואל אשר:** מזונות אשתו. ס'טייטש אז א מאמע איז די קינדער זענען א חלק פון איר, יא? ירך אמו.

**ר' יצחק:** פארדעם זעט מען אז די שיעור איז ביז בן שש, וואס איז די תינוק הצריך לאמו.

**ר' יואל אשר:** ס'איז א משנה אין מסכת עירובין. די קינדער זענען א חלק פון א מאמע, מ'זאגט מ'זאל געבן מזונות פאר די מאמע, מיינט די מאמע מיט אלעס וואס קלעבט זיך אן אויף די מאמע. אירע בעיביס. **כשם שאדם חייב במזונות אשתו, כך הוא חייב במזונות בניו ובנותיו הקטנים, עד שיהיו בני שש שנים**, ביז זיי ווערן זעקס.

**ר' יצחק:** ווייל דאס איז די שיעור פון תינוק הצריך לאמו.

**ר' יואל אשר:** נאכדעם וואס מ'איז זעקס, **מאכילן**, דאס איז דער עיקר חיוב.

**ר' יצחק:** און ס'טייטש מעיקר הדין.

**ר' יואל אשר:** אדער אפשר קען מען זאגן מדאורייתא, איז נאך זעקס ווערט מען פטור. אבער **מכאן ואילך**, פון דא איז מען נאכנישט אינגאנצן פטור, **מאכילן עד שיגדילו כתקנת חכמים**. די חכמים האבן געמאכט א תקנה אז מער ווי זעקס.

**ר' יצחק:** ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל ער זאגט נישט אזוי קלאר אז ס'איז א דאורייתא, אבער ער זאגט יא אז ס'איז א דין אין מזונות, וואס מזונות איז א דאורייתא'דיגע דין. זעט אויס כאילו אז די חכמים האבן...

**ר' יואל אשר:** עס אריינגעלייגט אין די דאורייתא'דיגע דין מזונות.

**חילוק צווישן ביז זעקס און נאך זעקס**

**ר' יואל אשר:** אבער איינמאל זיי זענען זעקס איז ווענדט זיך. ס'איז דא קינדער וואס ווען זיי זענען זעקס זענען זיי שוין טאקע טויגליך, זיי מאכן לולבים רינגעלעך, און זיי מאכן אליין ביזנעס. אבער אויב נישט...

**ר' יצחק:** עד שיגדילו. איך וואלט געטראכט אז ביז זעקס מאכט סענס צו זאגן ס'איז פארט פון מזונות האם, ווייל א מאמע האט קליינע קינדער, וואס גייט זי טון? זי גייט לאזן די קינדער הונגערן? ס'איז א פארט פון אז זי זאל האבן צו עסן. נאכדעם איז ער סתם א טאטע, די חכמים פארשטייען אויך אז א טאטע דארף נעמען קעיר פון זיינע קינדער, גארנישט צו טון מיט הלכות כתובה. גראדע שטייט עס דא, ווייל ס'באלאנגט דא, ווייל ס'איז נישט קיין דין אין די כתובה שטיין, אזוי ווי מ'גייט זען. אבער דאס איז א תקנת חכמים, די חכמים זאגן אז מ'געבט ביזן...

**ר' יואל אשר: מאכילן**, געבט מען ווייטער עסן, **עד שיגדילו כתקנת חכמים**, תקנת חכמים איז אז מ'זאל ווייטער געבן ביז זיי ווערן גרעסער.

**ר' יצחק:** עד שיגדילו, ביז זיי זענען צוועלף, ביז זיי זענען דרייצן.

**ר' יואל אשר:** בר מצוה לכאורה. אז איינער וואס איז באמת געבט זיך אפ מיט אנדערע מענטשן, זיינע עניים זענען ממש אזוי ווי זיינע קינדערלעך. און דער חיוב מזונות וואס דער אייבערשטער דארף אים געבן וועט זיין פאר אים און פאר אלע מענטשן וועמען ער האלט אויס, און אלע מענטשן זענען תלוי אויף אים.

**ר' יצחק:** איי איי, אזוינע חסיד'ישע זאכן.

**דינים ווען דער טאטע וויל נישט געבן מזונות**

**אם לא רצה — גוערין בו ומכלימין אותו**

**ר' יצחק:** אם לא רצה.

**ר' יואל אשר:** וואס טוט מען אז ער וויל נישט...

**ר' יצחק:** ער וויל נישט אויסהאלטן זיינע קינדער.

**ר' יואל אשר:** ער וויל נישט געבן קיין געלט פאר זיינע קינדער.

**ר' יצחק:** געלט, מזונות?

**ר' יואל אשר:** מזונות, וואס טוט... איז ווען ער וויל נישט געבן פאר דער ווייב, דארף מען נישט שרייען, מ'גייט צו בית דין, און בית דין לייגט אן עיקול און מ'נעמט צו זיין געלט. ביי די קינדער טוט מען נישט... מ'איז נישט פוסק מזונות, נאר מ'טוט אן אנדערע זאך, מ'לייגט אויף אים פרעשור. רייט. ס'טייטש, ס'איז נישט פשט אז די קינדער האבן א קנין אין זיין געלט, אדער אז זיי האבן א זכות אין זיין געלט, נאר ער האט א חיוב עס צו טון. אויב טוט ער עס נישט, טוט מען אזוי ווי אייביג ווען מ'פאלגט נישט די חכמים, מ'לייגט פרעשור.

**ר' יצחק:** דער חיוב איז נישט קיין חיוב ממון. זייער וויכטיג, אונזערע חכמים זענען געווען משונה'דיג מקפיד אויף ממון חבירו. זיי האבן זייער שטארק געהאלטן אז דיין געלט איז דיין געלט. איי, יעדער איינער פארשטייט איינער וואס געבט נישט מזונות זיינע קינדער איז א חיה רעה? אין הכי נמי, מ'גייט אויסרופן אין בית מדרש אז ער איז א חיה רעה, אבער מער פון דעם קען מען נישט טון. רייט.

**ר' יואל אשר:** מאל דיר וואס מ'טוט, מ'איז גוערין בו, מ'שרייט אויף אים. ומכלימין אותו, מ'פארשעמט אים. ופוצרין בו. וואס טייטש פוצרין בו? מ'בעט זיך, אזוי ווי... מ'איז משמע אז אזוי ווי ס'שטייט צווישן גוערין ומכלימין, מיינט עס עפעס מ'לייגט ריזיגע פרעשור אויף אים.

**ר' יצחק:** ניין, פוצרין מיינט מ'בעט אים, דאס איז א שענערע זאך למעשה. מ'גייט בעקווערדס, ער איז אנגעהויבן מיט די שרייען, פוצרין מיינט מ'בעט זיך, אזוי ווי הפצרות, הפצרות דברים.

**ר' יואל אשר:** אבער איך מיין הפצרות מיינט אז מ'לאזט נישט נאך, דאס איז טייטש הפצרות. ס'טייטש, נישט איינמאל מ'שרייט, נאר מ'איז מפציר, יעדן טאג קאלט מען אים, מ'מוטשעט אים ביז ס'געשעט.

**ר' יצחק:** אקעי. אם לא רצה, ס'העלפט נישט.

**ר' יואל אשר:** מכריזין עליו בציבור, אקעי, משמע גוערין בו מיינט in public, מכלימין אותו... איך מיין גוערין בו מיינט ביחידות, מ'שרייט אים אן. מכלימין אותו זעט אויך אויס one on one. מ'ווערט פארשעמט אויך ווען א מענטש געבט דיר דער אמת'ער קורה. מ'קאלט אים אן און מ'געבט אים א פסק.

**ר' יצחק:** רייט. אם לא רצה.

**מכריזין עליו בציבור**

**ר' יואל אשר:** ס'העלפט נישט דער פסק, איז **מכריזין עליו בציבור**, רופט מען אויס אויף אים בציבור. **ואומרין**, ביי סוף פון די שלש סעודות תורה זאגט דער רב, כ'האב דא א וויכטיגע פובליק אנאונסמענט, פלוני יענער מענטש, יא, דו זעסט אים ער איז א פיינער איד? נא נא נא, **אכזרי הוא. ואינו רוצה לזון בניו**, ער וויל נישט געבן עסן פאר זיינע פאר זיינע קינדערלעך. **והרי הוא פחות מעוף טמא**, אן עוף, אלע עופות זענען זן זייערע אפרוחים, זייערע קליינע קינדערלעך, ער איז נאך ערגער פון דעם, ער איז ערגער ווי נעיטשור.

**ר' יצחק:** די גמרא זאגט אז דער רמב"ם מאכט עפעס אזא דזשענערעל לשון, אין די גמרא שטייט, עורבא מ'שרייט, "עורבא בעי בני, וההיא גברא לא בעי בני", אפילו א עורב נעמט קעיר פאר זיינע קינדערלעך, און דער מענטש נעמט נישט קעיר.

**ר' יואל אשר:** איך מיין אז אפשר די ווארט דא איז, ס'שטייט דאך ער זאל זיין אזוי ווי א עורב לבניו ובני ביתו, יא? אזוי איינער וויל לערנען תורה זאל זיין אזוי ווי א עורב, דא זעט מען אז ס'איז נישט אזוי פשוט, מ'קען נישט זיין ממש אזא דער עורב איז עפעס אזא לשון איך ווייס נישט.

**ר' יצחק:** אבער דא זעסטו אז א עורב נעמט יא קעיר, רייט, איך ווייס נישט, אינטרעסטינג. אקעי.

**ר' יואל אשר:** דאס איז די מעשה, אבער זאגט די רמב"ם, אבער **ואין כופין אותו**, כפיה איז דאס נישט, מען פארשעמט און אלע אנדערע כפיה, כפיה מיינט מען טוט אריינגיין ארויסנעמען געלט פון זיין הויז.

**ר' יצחק:** דאס טוט מען נישט אחר שש. זייער גוט.

**חילוק צווישן אמוד און אינו אמוד**

**ר' יצחק:** במה דברים אמורים? ווי איז דאס גערעדט געווארן?

**ר' יואל אשר:** ס'איז אינטערעסאנט פארוואס חז"ל האבן געמאכט דעם.

**ר' יצחק:** איך זאג דיר איך האב זייער דעם זייער פרא, א מענטש וואס איז אזא חיה, העלאו, גיי מיר גלייך כאפן זיין געלט, ווייס נישט איינס אויף איינס.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אינטערעסאנט דא אויך אין דעם פרק, אונז האבן נאכנישט געהאט, אונז האבן שוין געהאט אפאר מאל, אונז האבן שוין געהאט נידוי וואס מ'קען מאכן, אונז האבן שוין געהאט מ'קען מאכן חרם, אונז האבן שוין געהאט מען קען אונז האבן שוין געהאט מערערע מאל מכת מרדות. אבער דא אין דעם פרק גייען מיר אונז זען נאך זאכן אדער אין די שפעטערדיגע פרקים פון פאבליק שעימינג עז א טול אז א מענטש זאל זיך אויפפירן ווי ס'דארף צו זיין מיט זיין פעמילי. מ'ניצט פאבליק שעימינג.

**ר' יצחק:** יא. אבער דאס איז אן אינטערעסאנטע... במה דברים אמורים? אבער דאס די הלכה וואס מ'האט יעצט געזאגט אז מ'קען נישט כופה זיין לזונם אחר שש.

**ר' יואל אשר:** דאס איז דוקא, במה דברים אמורים? **באיש שאינו אמוד**. אלע דאס וואס מען צווינגט נישט איז...

**ר' יצחק:** א מענטש וואס האט נישט קיין אמוד מיינט אזוי ווי אפגעשאצט.

**ר' יואל אשר:** מ'האט נישט אפגעשאצט די געלטער.

**ר' יצחק:** מ'ווייסט נישט זיין בענק אקאונט.

**ר' יואל אשר: ואין ידוע, ואין ידוע אם הוא ראוי ליתן צדקה או אינו ראוי**, אונז ווייסן נישט צו...

**ר' יצחק:** ער איז א...

**ר' יואל אשר:** עני וואס מ'דארף געבן צדקה, אדער אינו ראוי, ער האט נישט קיין געלט פאר צדקה.

**ר' יצחק:** אבל.

**ר' יואל אשר: אבל אם היה אמוד**, אויב ער איז איינער וואס מ'ווייסט, מ'האט אים אפגעשאצט **שיש לו ממון הראוי ליתן ממנו צדקה המספקת להן**, און מ'ווייסט אז ער האט גענוג געלט צו געבן צדקה, און ער האט גענוג געלט צו געבן צדקה וויפיל מ'דארף האבן צו מפרנס זיין די קינדער. דעמאלטס **מוציאין ממנו בעל כרחו**, נישט מדין מזונות נאר **משום צדקה.** ווייל אין צדקה איז אויך דא קדימה אין צדקה, אז קרוב קרוב קודם. און ביי צדקה איז דא כפיה, און מען איז כופה אז מען נעמט ארויס פון אים די צדקה, און מ'גיבט עס פאר זיינע קינדער, **וזנין אותן עד שיגדילו**, און מ'גיבט פאר די קינדער מזונות ביז זיי וואקסן אונטער.

**ר' יצחק:** זייער גוט. יא, דאס איז די הלכה. די היינטיגע בתי דינים, נאך וואס זיי פירן זיך נישט אזוי ווי די הלכה, און מ'דארף מוחה זיין. גיי מיר ווייטער.

**מזונות בנים נאך גירושין — קושיות און נפקא מינות**

**ר' יצחק:** נחמו שוין, היינטיגע צייטן, קודם כל אין די הלכה רעדט מען אלץ ווען מ'האט חתונה געהאט. דאס אז נאכדעם וואס מ'האט זיך גע'גט פון די ווייב דארף מען נאך אלץ צאלן מזונות פאר די קינדער, דאס איז נישט א קלארע הלכה. ס'איז דא גאונים, ס'איז דא מקורות פאר דעם אין די ראשונים.

**ר' יואל אשר:** אבער שוין אבער נאך שש און אויף אסט רזוק איז דאך איך רעד.

**ר' יצחק:** לאמיר רעדן פאר שש, מ'איז דאך יעצט, אז ס'איז תלוי במזונות אשתו. וואס מ'פארשטייט, ממילא ווען ס'איז נישט אשתו ס'איז זייער א מאדנע אויב לויט דעם ר"ן ס'איז נאר בגדר תקנת חכמים. אה קודם כל, לויט וואס אידן פארשטייען אזוי ווי דער ר"ן זאגט בפירוש, אז, און ס'ווערט געברענגט א פסק אין דער ר"ן אז ס'איז א דין פון מזונות אשה. א גרושה דארף מען נישט געבן קיין מזונות, ס'איז נישט קיין ספק. און ממילא דארף מען נישט צאלן. איי ס'איז דא וואס זאגן מזונות בניו איז אן עקסטערע תקנה. לאמיר זאגן ס'איז דא אן עקסטערע תקנה פון אשה מ'דארף געבן, נאו פראבלעם. אבער דאס מיינט אז ווען זיי וואוינען ביי אים. ס'קאסט

דאך אסאך מער געלט צו שיקן געלט פאר יענעם. ס'איז נישטא קיין שום מקור אז די מאמע קען זאגן איך וועל האלטן די קינדער. לאמיר שוין זאגן אז ס'איז דא אזא הלכה אז די קינדער קענען וואוינען ביי די מאמע ווייל ס'איז זייער טוב, זייער גוט זאל זי צאלן דערפאר. אבער ער דארף נאך צאלן אויכעט דאס איז זייער א מאדנע זאך.

**ר' יואל אשר:** נר לאחד נר למאה, ס'איז דא אזא זאך אז אין זיין הויז איז ביליגער, אקעי.

**ר' יצחק:** יעצט, צווייטנס, נאך בן שש שטייט קלאר אז אויב ער איז נישט אמוד קען מען אים נישט צווינגען. יעצט וואס מיינט אמוד? דארף מען וויסן הלכות צדקה. א עשיר קען מען אים יא. יא, אויב ער, אויב א עשיר מיינט אז אויכעט אז ער האט...

**ר' יואל אשר:** יא? דא קודם כל, ניין אפשר עשיר מיינט גיי נאך געלט, שאף, בארג. ניין, ניין, ניין, מ'איז מחדש נייע חידושים. א טאטע איז קיינמאל נישט מחויב, ניין נאכאמאל. וואס הייסט אמוד? פארוואס רעדט מען אייביג אויף אידיש אנשטאט...

**ר' יצחק:** אויב...

## מזונות בנים יתר על שש, מי שהלך למדינה אחרת, ומי שנשתטה

### מזונות בנים יתר על שש — אין עולה עמו

**ר' יצחק:** יעצט, צווייטנס, נאך בן שש שטייט קלאר אז אויב ער איז נישט אמוד, קען מען אים נישט צווינגען. יעצט, וואס מיינט אמוד? דארף מען וויסן הלכות צדקה.

**ר' יואל אשר:** שעמען קען מען אים יא.

**ר' יצחק:** יא, אויב ער, אויכעט שעמען איז אויכעט טאמער ער האט, יא.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא, אפשר שעמען איז גיי נאך געלט, שאף,

**ר' יצחק:** בארג. ניין, ניין. אקעי.

**ר' יואל אשר:** כופה זיין קען מען נישט טאמער מ'ווייסט נישט.

**ר' יצחק:** מ'איז מחדש נייע חידושים,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט דא אין שום מקום מ'איז מחייב ניין, נאכאמאל, פארשעמען, פארשעמט מען אויב אפי' אן שאצן, אויב מ'האט געשאצט און ער האט איז מען אים כופה,

**ר' יצחק:** ווייל מ'זאגט אים, קוק, דו האסט די געלט, געב איר די געלט. מ'זאגט אים נאר נישט, מ'טוט נישט סתם נישט פארשעמען. נישט מסכים, איך בין נישט מסכים. ווייל ס'איז פשוט אז מ'רעדט, ס'איז דא א לעוועל אמוד וואס הייסט מ'האט שוין דערלישט. כ'מיין אז אמוד מיינט אז ס'איז געווען א פראסעס, דער צדקה קאסע פון דער שטאט האט אפגעשאצט וויפיל געלט יעדער האט, און זיי האבן שוין געוויסט און נישט סתם, נאר ס'קען נישט זיין אז מ'איז אומד נאר לענין זה, עס איז זייער פאני. א חוץ פון דעם,

**ר' יואל אשר:** אזוי שטייט אין די רמב"ם.

**חידוש: מזונות בניו איז נישט עולה עמו — נאר בעיסיקס**

**ר' יצחק:** די ריעליטי איז אז נאך זעקס יאר עכ"פ קען מען נישט צווינגען נאר מדין כופין על הצדקה, און רוב מענטשן היינט, אדער זייער אסאך מענטשן, אויב נישט רוב, זענען זיכער נישט קיין דין וואס מ'קען זיי כופה זיין על הצדקה, און ממילא איז רוב געלט וואס מ'נעמט ארויס מזונות פון מענטשן וואס זענען גרושים איז געהעריג גזל, און די בית דין זענען חמסנים. וואס זאל מען טון? א חוץ פון דעם איז

**ר' יואל אשר:** דא נאך א דין... זענען זיי נישט, ס'גייט נישט פאר זיי,

**ר' יצחק:** נאר מ'דארף העלפן יענעם חומס זיין. א חוץ פון דעם איז דא נאך א דין, אז ס'שטייט דא נישט מפורש אינעם רמב"ם, אבער ס'איז לכאורה קלאר, אז מזונות בניו איז נישט דא קיין עולה עמו. מזונות בניו איז נישט לויט די סטענדערדס וואס זענען צוגעוויינט, וואס קינדער דארפן. בעיסיקס. און דאס וואס יעדער סינגל בית דין אין די וועלט פסק'נט מזונות לויט וואס די סטענדערד איז געווען, איז דאס אינגאנצן לא כהלכתא, ס'איז נישט דא קיין שום מקור דערפאר. נישט יעדער בית דין. ס'איז דא בתי דינים וואס זענען ערליכע און פירן זיך אזוי ווי די הלכה, אבער ס'איז דא וואס זענען מער מאדערן און פירן זיך סתם ווי ס'פאלט זיי איין, און דאס איז נישט קיין וועג.

**ר' יואל אשר:** שוין. איך בין נישט, איך בין נישט מסכים צו די גאנצע פרעימינג.

**ר' יצחק:** זאג די הלכה. אקעי.

### הלכה יג-יד — מי שהלך למדינה אחרת

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער אזוי:

**ר' יצחק:** ביז יעצט האבן מיר גערעדט...

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. ביז יעצט האט מען גערעדט ווען דער מאן איז דא, דער מאן איז דא... יא. דער מאן איז דא, און די שאלה איז וויאזוי מ'נעמט ארויס פון אים געלט, כופה זיין. וואס טוט זיך אן ערגערע סיטואציע? דער מאן האט אפגעפיצט. **"מי שהלך למדינה אחרת"** ער איז געגאנגען צו אן אנדערע שטאט, **"ובאה אשתו לבית דין לתבוע מזונות"** די פרוי קומט צו בית דין תובע זיין מזונות,

**ר' יצחק:** וואס טוט מען? אן אינטערעסאנטע הלכה.

### ערשטע דריי חדשים — אין פוסקין לה

**ר' יצחק:** באט, ערשטע דריי חדשים זאגט דער רמב"ם אזוי:

**ר' יואל אשר: "שלשה חדשים הראשונים מיום הליכתו"** די ערשטע דריי חדשים פון ווען ער גייט, איז אין פוסקין לה בהן, וואס הייסט בהן? אין די דריי חדשים איז מען נישט פוסק מזונות. פארוואס? **חזקה היא שאין אדם מניח ביתו ריקן.** ס'איז דא א חזקה אז א מענטש לאזט נישט זיין הויז לייד ליידיג, סאו זאל די פרוי אליין אהה זיך אן עצה געבן, דריי איבער די הויז, טרעף ערגעץ ווי ליגט געלט.

**ר' יצחק:** ס'זעט אויס, נישט געלט,

**ר' יואל אשר:** מזונות לכאורה. מזונות,

**ר' יצחק:** אבער אבער פאר דריי חדשים איז דא געלט אקעי,

**ר' יואל אשר:** מניח ביתו ריקן מיינט נישט לכאורה אז ס'איז דא עסן פאר דריי חדשים, אבער ס'איז דא ווערדפולע זאכן. געב דיך אליין אן עצה, דער בית דין דארף נישט ווערן אינוואלווד, געב דיך אן עצה,

**ר' יצחק:** פארקויף חפצים.

**נאך דריי חדשים — פוסקין לה מזונות ומוכרין נכסיו**

**ר' יצחק:** נאכדעם, מכאן ואילך,

**ר' יואל אשר:** נאך דריי חדשים, בית דין זעט ער איז נאך אלץ נישט דא, איז ווייסט מען אז געלט איז שוין זייער מעגליך ס'איז טאקע נישט דא אינדערהיים, איז **פוסקין לה מזונות**, איז דער בית דין קובע מזונות. וויאזוי טוט מען דאס? **אם היו לו נכסים**, אויב האט ער נכסים, ס'איז טייטש למשל, כ'ווייס, אהה ער האט אינוועסטמענטס, ער האט נכסים ליגן, איז **בית דין יורדין לנכסיו, ומוכרין,**

**ר' יצחק:** מ'פארקויפן זיינע נכסים **למזונותיה.**

**דיון: פארוואס פארקויפט בית דין און נישט די פרוי אליין?**

**ר' יואל אשר:** איך וויל איך וויל פארשטיין, אהה פשט איז אז מען נעמט זיך דא אן פאר איר אז נישט זי דארף זיין ביזי פארקויפן? אדער פארקערט אז מען וויל זיין פעיר, נאר בית דין מעג פארקויפן ווייל מ' מ'וויל

**ר' יצחק:** נישט זאל זיין הפקר וועלט. מ'גייט באלד זען, כ'מיין אז ס'גייט שטיין מפורש אויב זי האט פארקויפט פאר זיך אליין און אזוי ווייטער. יא, אקעי. דער בית דין דער בית דין פארקערט דער בית דין גייט אריבער אין אירע נכסים, אמאל דארף מען הכרזה, וואטעווער, ס'איז דא הלכות וויאזוי מ'מעג פארקויפן יענעמ'ס נכסים.

**מעשה ידיה ווען דער מאן איז אוועק**

**ר' יצחק:** איי, יעצט לכאורה ווערט זי שולדיג מעשה ידיים, און דער מאן איז נישט דא, באקומט ער נישט די מעשה ידיים אויכעט. ס'איז דא א תקנה מעשה ידיים תחת מזונות,

**ר' יואל אשר:** איז אבער די הלכה איז אזוי, נאכאמאל קודם, דער בית דין פארקויפט נכסים וואס פעלט אויס און געבט איר צו עסן. איי, ס'איז דאך אויך דא אז קעגן די עסן וואס דער מאן געבט איז מעשה ידיה, דאס וואס זי ארבעט דארף גיין פאר דעם מאן. זאג נישט אבער דער בית דין לייג אריין אין בית דין אדער באצאל מיט די מעשה ידיה. מ'איז נאכנישט מחשב, ווי לאנג ער איז נישט דא קען מען נישט האבן טענות אויף מעשה ידיה. **ואין מחשבין עמה,** מ'מאכט נישט קיין חשבונות **על מעשה ידיה עד שיבוא בעלה.** ווען דער מאן וועט קומען, דעמאלטס קען דער מאן קומען צו בית דין און זאגן אז זי האט דאך אויך געהאט מעשה ידיה און ממילא קען זי נישט באקומען אזויפיל געלט. **אם מצא שעשת,** אז זי האט טאקע געהאט מעשה ידיה, ס'איז געווען מעשה ידיה, איז **הרי זה שלו,**

**ר' יצחק:** איז טאקע די מעשה ידיה שלו. דאס איז, אז ווען זי קומט אין בית דין.

**הלכה טו — אם לא עמדה בדין**

**ר' יואל אשר:** אז זי קומט צו בית דין, און די בית דין איז געגאנגען. לחיים. וואס טוט זיך **אם לא עמדה בדין**, זי איז נישט געגאנגען צו בית דין, נאר זי האט געמאכט אליין, אה עביד איניש דינא לנפשיה איז דא א אזא מין הלכה. זי איז געגאנגען, זי האט מוכרמוכר געווענזי האט פאר אליין פארקויפט פון זיינע נכסים למזונות, איז **מכרה קיים**, וואטעווער זי האט פארקויפט איז איז א גוטע מכירה, און מ'זאגט נישט אז אה זי האט נישט קיין רעכט. זי האט נישט קיין רעכט. זי האט יא געהאט רעכט.

**אינה צריכה הכרזה ולא שבועה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם: **ואינה צריכה הכרזה**, זי דארף נישט מכריז זיין, אממ אדער געבן מ' מאכן א שבועה. ס'איז טייטש, דע מ' דער מאן וואלט ווען געקענט טענה'ן,

**ר' יצחק:** אויב איז אמת אז דו האסט נישט, זיי מכריז ברבים אז דו האסט נישט וואס צו עסן, און וועגן דעם פארקויפסטו. ניין, ניין, ניין, הכרזה איז טייטש, הכרזה, ס'איז דא אופנים, אז מ'פארקויפט אה לקבורה וכדומה, אז מ'דארף מכריז זיין אין בציבור אז מ'גייט פארקויפן די די פראפערטי.

**ר' יואל אשר:** כ'מיין אז דאס העלפט אז אממ זאל באקומען די ריכטיגע פרייז דערפאר, אדער עפעס אזא סארט זאך, מיט א פרסום, ס'הייסט מ'קען נישט סתם פארקויפן, מ'דארף, ס'דא אופנים אז מ'פארקויפט יענעמ'ס זאכן שלא בפניו, איז דא א הלכות הכרזה,

**ר' יצחק:** ס'דארף זיין א עד אין די צייטונג, וואס שטיין אז מ'פארקויפט יענע זאך, אז ס'איז א פעיר אממ מכירה וכדומה. אויף דעם אופן זאגט דער רמב"ם מ'דארף נישט.

**ר' יואל אשר:** אז דער מאן ווערט נעלם, קען ער נישט האבן טענות, מ'דארף מ'דארף נישט קיין הכרזה אדער שבועה,

**ר' יצחק: עד שיבוא בעלה ויטעון.** שבועה איז, א מ'גייט זען שפעטער ס'איז דא א זאך ס'הייסט שבועת אלמנה, אז מ'דארף ווען זי דארף שווערן אז זי פארקויפט כתובה, דארף זי שווערן אז זי האט נישט גענומען אייגענע זאכן, זי האט נישט גע גענומען פון די הפקר וכדומה, איז דעמאלטס קען מען נישט אה...

**ר' יואל אשר:** סאו אויב דער מאן קומט און ער, ווען דער מאן קומט און

**ר' יצחק:** ער טענה'ט אז נישט גוט פארקויפט,

**ר' יואל אשר:** דעמאלטס קען ער איר מחייב זיין א הכרזה אדער א שבועה, אבער ביז דעמאלטס...

**ר' יצחק:** הכרזה איז אפשר צו שפעט, אבער שבועה קען ער איר...

**ר' יואל אשר:** אקעי, ביז דעמאלטס קען זי, קען זי טון וואס זי האט צו טון און אן הכרזה אדער שבועה.

**או עד שתבוא לגבות כתובתה אחר מותו**

**ר' יואל אשר: או עד שתבוא לגבות כתובתה אחר מותו,** אויב ער אה איז נאכנישט צוריקגעקומען און ער איז געשטארבן, און יעצט איז דא א כתובה...

**ר' יצחק:** און זי קומט גובה זיין די כתובה,

**ר' יואל אשר:** דעמאלטס גייט זי מוזן שווערן. דעמאלטדעמאל' דעמאלטס גייט מען מגלגל זיין א שבועה, ס'טייטש, אז זי גייט קומען תובע זיין די כתובה, דעמאלטס גייט מען איר זאגן, דו קענסט באקומען די כתובה אבער נאר אויב דו דו מאכסט א שבועה **שלא מכרה אלא למזונות שהיא צריכה להן,** אז זי האט נישט סתם זיך אויפגעפירט הפקירות'דיג מיט דעם מאנ'ס נכסים, נאר זי האט נאר פארקויפט וויפיל זי האט געדארפט פאר אירע מזונות.

**דיון: שבועת אלמנה ומגלגלין**

**ר' יואל אשר:** יא. ס'הייסט, זייער גוט. ווען זי קומט נעמען א כתובה איז אזוי ווי **טוענין משביעין לה,**

**ר' יצחק:** ס'איז דא אזא הלכה אז זי דארף שווערן. סאו מגלגלין מיינט וויבאלד זי דארף שוין שווערן פאר אנדערע זאכן מאכט מען איר שוין שווערן אויף די מכירה וואס זי האט געטון אויך.

**ר' יואל אשר:** וואס דארף זי דעמאלטס שווערן, אז זי האט נאכנישט באקומען די כתובה צי וואס? יעדע מאל א פרוי באקומט א כתובה דארף זי שווערן?

**ר' יצחק:** קען זיין, יא. יעדע מאל וואס א פרוי איז תובע א כתובה דארף זי שווערן. אהא.

**הלכה טז — מוכרין למזון בניו ובנותיו שהן בני שש או פחות**

**ר' יצחק:** שטייט אין רמב"ם ווייטער:

**ר' יואל אשר: "וכשם",** אזוי ווי די בית דין קען

**ר' יצחק:** פארקויפן **"למזון האשה שהלך בעלה,**

**ר' יואל אשר: כך"** קען מען אויך פארקויפן אויב דער מאן האט יא איבערגעלאזט גענוג געלט פאר איר עסן אבער נישט גענוג געלט פאר די קליינע קינדער, איז אויך דער בית דין **"מוכרין למזון בניו ובנותיו שהן בני שש שנים או פחות".** היות אז די מזונות פון די קליינע קינדער איז די זעלבע גדר ווי איר מזונות, מ'האט געשמועסט אז ס'איז ממש א חלק פון איר מזונות, איז אויך די זעלבע זאך מ'קען פארקויפן.

**אבל יתר על שש — אין זנין אותם שלא בפניו**

**ר' יואל אשר: "אבל יתר על שש",** הגם מ'האט געלערנט אז ס'איז דא א תקנת חכמים צו אויסהאלטן אפילו גרעסערע קינדער יותר על שש, אבער דאס האט מען געשמועסט אז איז נישט ממש אז ער האט די זעלבע דין ווי איר מזונות דאס איז א אנדערע מין חיוב.

ממילא איז **"אין זנין אותם מנכסיו שלא בפניו, אף על פי שהוא אמוד"** אפילו אויב אונז וויסן אז ער האט געלט,

**ר' יצחק:** וואס נארמאלערהייט וואלט מען

**ר' יואל אשר:** אים געצווינגען ער זאל געבן דאס מדין צדקה דאס קען מען אבער נאר טון ווען ער איז דא.

**דיון: פארוואס קען מען נישט כופין על הצדקה שלא בפניו?**

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט פארוואס. וואס איז פשט פון דעם? אפשר ווייל דער חיוב צדקה איז אז ער זאל עס געבן און אין אזא פאל הייסט עס נישט צדקה?

**ר' יצחק:** ס'איז דא עפעס אזא הלכה פון עפעס הלכות כופין על הצדקה גייט נישט שלא בפניו. איך ווייס נישט פארוואס. איי דאנט נאו. איך פארשטיי טאקע נישט.

**ר' יצחק: "וכן",** ענליך, נישט נאר ער איז אוועקגעפארן,

**ר' יואל אשר:** די רמ"א זאגט אז מ'רעדט דא אין א פאל ווען ער האט נאכנישט אנגעהויבן זיי געבן געלט יותר על שש. ווייל אויב ער האט אנגעהויבן זאגט מען אז דאס איז די סיסטעם וואס ער וויל ס'זאל גיין.

**ר' יצחק:** אקעי. אקעי קען זיין, אבער איך פרעג איך פארשטיי נאך אלס נישט פארוואס ער זעהט אז אפשר איז דא א מחלוקת איבער דעם.

**ר' יואל אשר:** אבער ס'מאכט סענס, אויב איז עס א דין פון כופין על הצדקה און דאס איז נאר א דין פון קדימה אין צדקה, צדקה איז דאך ווען ער געבט. אויב מ'גייט כאפן פון אים האט ער בכלל א מצוה פון צדקה?

**ר' יצחק:** אלע כופין על הצדקה כאפט מען.

**ר' יואל אשר:** וואס איז דער חילוק? ווייל ער שטייט כופין אותו עד שיאמר רוצה אני. די רמב"ם זאגט דאך אז עכט וויל ער, ס'טייטשט אז ווען מ'מאכט כופין על הצדקה האט ער א מצות צדקה?

**ר' יצחק:** יא ער האט א מצות צדקה. מ'דארף נישט רוצה מ'דארף נישט יאמר רוצה אני ביי דע ווער.

**ר' יואל אשר:** ביי א קרבן, אקעי.

**ר' יצחק:** גארנישט, ער איז דא און מ' נעמט זיין געלט. אפשר ווען ער איז בפניו, איך מיין אדרבה אז ער איז בפניו קען ער האבן, ס'איז אביסל מער געגעבן דעם רעכט, ער קען האבן טענות, ער קען זאגן קום אהער איך האב נישט. אז א מענטש איז נישט דא, ס'איז דא א לימיט וויפיל מען קען אים צוכאפן.

**ר' יואל אשר:** רייט, זייער גוט.

**הלכה יז — מי שנשתטה**

**ר' יואל אשר:** ווייטער אויף סעיף י"ז, זאגט דער רמב"ם, ס'איז דא א וועג פון א מאן פארט אוועק פיזיש, ער פארט אוועק, אבער ס'איז אויך דא א זאך nobody is home, זיין מח איז אוועקגעפארן, **מי שנשתטה,** ער איז געווארן משוגע, ער איז

געווארן א שוטה, איז **בית דין יורדין לנכסיו ומוכרין** אויך, מען הייבט זיך נישט אן דיעלן מיט אים,

**ר' יצחק:** מ' מען מען הייבט זיך נישט אן ער איז נישט דא,

**ר' יואל אשר:** ער קען נישט, ער איז טויט, ער איז א שוטה, יא, איז מען מאכט נישט קיין,

**ר' יצחק:** מען לייגט נישט פרעשור,

**ר' יואל אשר:** נאר **בית דין יורדין לנכסיו ומוכרין. וזנין אשתו ובניו ובנותיו שהן בני שש או פחות ומפרנסין אותן,** ווייל ער איז א שוטה. ס'זעהט אויס אז כופין על הצדקה איז נישט דא ווען ער איז א שוטה,

**ר' יצחק:** ס'הייסט נישט ווי ער איז דא,

**ר' יואל אשר:** אזוי זעהט מען דא,

**ר' יצחק:** אזוי זעהט מען פון דער רמב"ם, נאר ביז בן שש. יא.

**הלכה יח — יש מן הגאונים שהורה**

**ר' יצחק:** יעצט קומט דער רמב"ם אן אינטערעסאנטע פראבלעם.

**ר' יואל אשר:** יא, יעצט זאגט דער רמב"ם אזוי,

**ר' יצחק:** אין די קעיס וואס זענען געקומען א פרוי מען גיבט איר מזונות, איז געווען גאונים וואס מען האט געזאגט, מען קען נישט אזוי שנעל געבן מזונות. **יש מן הגאונים שהורה,** ס'איז געווען איינער וואס האט געזאגט אזוי,

**ר' יואל אשר:** זעהט אויס מען רעדט דא פון איינעם,

**ר' יצחק:** יא, שהורה.

**ר' יואל אשר:** ער האט גע'פסק'נט. אקעי, we'll find out who. ער האט גע'פסק'נט, **שאין פוסקין מזונות לאשה שהלך בעלה.**

**ר' יצחק:** דער הייליגער רי"ף האט אזוי געזאגט, עס אינטערעסאנט,

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם רופט אן דער רי"ף גאונים, ס'איז גוט צו פארמערקן.

**דיון: וואס מיינט "גאונים" ביי דער רמב"ם?**

**ר' יצחק:** יא, דער רמב"ם האלט א כלל אז גאונים מיינט חכמים פון די גמרא ביז דער רמב"ם. גאונים איז נישט דער רמב"ם איז נישט מכיר אין א מושג גאונים, וואס מיינט ספעציפיקלי די ראש ישיבה אדער עפעס.

**ר' יואל אשר:** אין די הקדמה צו משנה תורה זאגט ער קוראים לעצמם גאונים, ניין? ניין,

**ר' יצחק:** ניין, ער זאגט אז זענען גאונים,

**הלכות אישות: פסיקת מזונות לאשה שהלך בעלה — מחלוקת הגאונים ופסק הרמב"ם**

**מחלוקת הגאונים: האם צריכה להביא כתובה**

**ר' יואל אשר:** זיי האבן גע'פסק'נט, "שאין פוסקין מזונות לאשה שהלך בעלה".

**ר' יצחק:** דער הייליגער רי"ף האט אזוי געזאגט.

**ר' יואל אשר:** עס אינטערעסאנט, דער רמב"ם רופט אן די רי"ף גאונים, ס'איז שוין א פאר מאל. יא,

**דיון: דער רמב"ם'ס באגריף "גאונים"**

**ר' יצחק:** אוודאי, דער רמב"ם האלט א כלל אז גאונים מיינט חכמים פון די גמרא ביז די רמב"ם. גאונים ווערן נישט ע דער רמב"ם איז נישט מכיר אין דעם מושג גאונים וואס מיינט ע specifically דער ראש ישיבה אדער עפעס.

**ר' יואל אשר:** אין די הלכ' אין די הקדמה צו משנה תורה זאגט ער, "קוראין לעצמן גאונים", ניין? ניין,

**ר' יצחק:** ניין. ער זאגט, "אז דאס איז די גאונים" און שפעטער נאך דעם. ניין, ער האט דער ענין איבערצוטרייבן אביסל די גאונים. ניין, נישט וואס איך ווייס. איך געדענק נאר דער לשון. דער רמב"ם האלט קלאר אז גאונים אקעי, דער רמב"ם'ס טיטל פאר גאונים איז anyone וואס איז נאך פון די תלמוד ביז יעצט. און, "הם הנקראים", אפשר. נו, אודאי אז ער האלט אז מ'האט נישט גענעמט די אייגענע טיטל, איך מיין א צווייטער האט אים גערופן מיט אזא גאווה'דיגע ווארט. Anyways,

**ר' יואל אשר:** גאונים מיינט ער צו

**ר' יצחק:** זאגן דלא נישט א אמורא, וואס דעמאלטס וואלט מען זיכער גע'פסק'נט אזוי ווי אים, א שפעטערדיגע הלכה, רעדט ער.

**דברי הרמב"ם: יש מן הגאונים שהורה**

**ר' יואל אשר:** **יש מן הגאונים שהורה,** זאגט ער, זיי האבן גע'פסק'נט אזא הלכה, **שאין פוסקין מזונות לאשה שהלך בעלה,** די הלכה פון אז דער בית דין איז פוסק, מ'פסק'נט אפ, מ'שאצט אפ מזונות פאר א פרוי, און מ' ס'טייטש מ'פארקויפט זיינע נכסים, און מ'געבט מזונות פאר די פרוי שהלך בעלה או שמת בעלה, דאס טוט מען נאר אויב זי ווייזט א כתובה. **עד שיהיה שטר כתובה יוצא מתחת ידה,** אז זי ווייזט א כתובה אז זי איז נאכנישט געווארן באצאלט די כתובה, ווייל ווען מ'צאלט די כתובה גייט עס צו די יורש אדער צו די...

**ר' יצחק:** אדער אים, ס'איז תלוי.

**ר' יואל אשר:** **ואם לא תוציא שטר כתובה,** אויב אבער זי האט נישט א שטר כתובה אין איר הענט, דעמאלטס קען זי נישט פאדערן מ מזונות. פארוואס? וואס איז די חשש? ווייל מ'האט מורא אזוי, **שמא נטלה כתובתה מבעלה,** אפשר האט זי גענומען, ס'טייטש דער מאן האט איר שוין אויסבאצאלט די כתובה. **או מחלה כתובתה לו,** אדער אפשר האט זי מוחל געווען די כתובה פאר דעם מאן, און דעמאלטס גייט זיין די הלכה, **שאין לה מזונות כמו שיתבאר.** שפעטער גייט דער רמב"ם זאגן אז ס'איז דא א פאל ווען דער מאן ווערט פטור פון די חיוב מזונות, אויב האט מ'אא אויב האט ער אויסגעצאלט די כתובה. איז אפשר דער מאן וואס

איז אוועקגעפארן, אפשר איז דאס אויך דער פאל? ממילא איז אזא טענינן בשבילו, אז אפשר איז די איז דא דארטן די איז איז די סיבה פארוואס ער האט איר נישט איבערגעלאזט מיט געלט איז ווייל דאס ער האט שוין אויסגעצאלט די כתובה? איז קען זי מ'נאר פסק'ענען מזונות אויב זי ווייזט א כתובה.

**דעה שניה: ויש מי שהורה**

**ר' יצחק:** איז דא אנדערע,

**ר' יואל אשר:** **ויש מי שהורה,** אויף דעם זאגט ער נישט גאונים, **שפוסקין לה,**

**ר' יצחק:** ער האלט אז מ'קעמט זיך,

**ר' יואל אשר:** אנדערע זאגן ויש מי שהורה וואס קריגט זיך מיט דעם. ער זאגט ניין, מ'געבט יא אייביג **בחזקת שלא נטלה ולא מחלה.** אזא חזקה אז געוועגליכע פרויען האבן... וואס זענען נאך חתונה געהאט, האבן נאכנישט באקומען די כתובה. ס'טייטש, דער מאן לעבט נאך, זי איז נאכנישט גע'גט, האט זי נישט באקומען די כתובה, און זי האט נישט מוחל געווען. ממילא, **ואין מצריכין לה להביא כתובה,** מ'זאגט איר נישט אז זי מוז ברענגען א כתובה.

**פסק הרמב"ם: חילוק בין הלך בעלה למת בעלה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, דא פסק'נט ער, **ולזה דעתי נוטה במי שהלך בעלה,**

**ר' יצחק:** ס'טייטש,

**ר' יואל אשר:** אויב הלך בעלה אויב די הלך בעלה איז אוועקגעפארן, דער מאן איז אוועקגעפארן, האלט דער רמב"ם, דער רמב"ם האט דאך געזאגט אז יש מן הגאונים איז סיי ביי הלך בעלה און סיי ביי מת בעלה.

**ר' יצחק:** אהה.

**ביי הלך בעלה: מזונות מן התורה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, ביי מת בעלה שטימט עס, אבער הלך בעלה נישט, פארוואס? **הואיל ויש לה מזונות מן התורה,** זי האט דאך א חיוב מזונות מן התורה, אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט אז דאס זענען מדברי תורה. אהה. ממילא מן התורה איז ער מחויב צו געבן. ממילא טוט דער בית דין, דאס וואס ער איז מחויב מן התורה, מ'איז פוסק מזונות פון זיין געלט.

**ר' יצחק:** מ'זאגט נישט אפשר האט ער, אפשר... אפשר זאל ער טענה'ן די אפשר. **אבל אם מת בעלה,** דעמאלטס איז דער רמב"ם מסכים,

**ביי מת בעלה: מתקנת חכמים ומנכסי יורשים**

**ר' יואל אשר:** אז דא איז ער מסכים אז מ'קען נאר פוסק זיין **עד... נאר ווילאנג, עד שתביא כתובה,** זי ברענגט די כתובה. פארוואס? ווייל דעמאלטס איז ער דאך נישט מחויב מדאורייתא. נאר וואס דען? **זי אוכלת בתקנת חכמים,** זי עסט, ווייל די חכמים האבן מתקן געווען... איינע פון די תנאי כתובה,

**ר' יצחק:** ניזונים מנכסיו.

**ר' יואל אשר:** אז א... שיושבת בביתו, יא. וואס דאס איז א דין מדרבנן, איז דאס האט זי נאר אויב זי ברענגט א כתובה.

**ר' יצחק:** ועוד, ועוד,

**ר' יואל אשר:** נאך א ריזן, פארוואס... זאגט דער רמב"ם פארוואס טאקע מת בעלה פאדערט מען מער פון איר ראיה? נאך א סיבה. זאגט דער רמב"ם: **מפני שנזונית מנכסי יורשים.** אהה. זי באקומט דאך, עה, מזונות פון די נכסים פון די יורשים,

**ר' יצחק:** **ולעולם טוענין ליורש.** ס'איז דא אזא כלל אז יורשים, דער בית דין נעמט מער קעיר פאר זיי,

**ר' יואל אשר:** ווייל זיי ווייסן דאך... יורשים ווייסן דאך נישט די מציאות. יורשים איז אייביג, דער בית דין נעמט זיך אן פאר זיי, ווייל זיי זענען דזשאסט אנגעקומען צו דע פיקטששער, זיי ווייסן נישט דער אמת. ממילא, אלס א דין טוענין ליורש, פאדערט דער בית דין: דו ווילסט מ'זאל פוסק זיין מזונות,

**ר' יצחק:** דארפסטו ברענגען די כתובה. אהה. אקעי. יעצט, ווייטער, הלך...

**הלכה: לוותה ואכלה — כשיבוא חייב לשלם**

**ר' יואל אשר:** נאך תנאים אין די זאך פון דער מאן וואס איז אוועקגעגאנגען און זי זוכט וויאזוי צו עסן. איז זי געגאנגען, **הלך בעלה, דער בעל איז אוועקגעגאנגען, ולוותה,** האט זי געבארגט פון מענטשן אויפ'ן מאנ'ס חשבון, איך וויל בארגן געלט, מיין מאן וועט דיך באצאלן ווען ער וועט אהיים קומען. **ואכלה,** און זי האט געגעסן. **כשיבוא, חייב לשלם,** ווען ער קומט אהיים, דארף ער דאס באצאלן, דער מאן. ווייל די געלט איז משועבד אזוי ווי צו איר, פאר די זעלבע סיבה פארוואס בית דין קען אריינגיין אין זיינע נכסים.

**עמד אחד מדעת עצמו וזנה משלו**

**ר' יצחק:** אבער,

**ר' יואל אשר:** **מואלט דיך אזא פאל, עמד אחד מדעת עצמו,** ס'איז געווען דארטן עפעס א גוטע נייבאר, **און פון זיין אייגענע דעת, אן דעם וואס מ'האט אים געבעטן, האט ער וזנה משלו,** האט ער איר מפרנס געווען פון זיין עסן. ער האט רחמנות געהאט, האט ער איר אנגעהויבן געבן צו עסן. דעמאלטס? און נאכדעם קומט דער מאן אהיים, און ער זאגט, אה, איך האב אויסגעלייגט אסאך געלט ווען דו ביסט נישט דא געווען. **אם יבוא הבעל אינו חייב לשלם לו, והרי זה איבד את מעותיו.** ער האט פארלוירן זיין געלט. **מפני שלא ציוהו לזונה,** ער האט אים נישט געהייסן איר מפרנס זיין. **והיא לא לותה ממנו,** און אויך, זי האט נישט געבארגט פון אים. ווען זי בארגט פון אים, בארגט זי אויפ'ן חשבון פונעם מאן, דער מאן גייט ווערן דער בעל חוב. אבער אין א פאל ווען זי... ער האט נישט געהייסן. אויך בית דין האט נישט געהייסן. אקעי, בית דין, אבער זעט אויס, בית דין בארגט נישט, בית דין אדער פארקויפט, אדער...

**ר' יצחק:** בית דין נעמט. נעמט. קיצור, גארנישט, זאל ער פלאצן, ווער האט אים געהייסן?

**חידוש: חיוב מזונות איז נישט א ממונ'דיגע חוב**

**ר' יואל אשר:** קען ער נישט פאדערן די געלט פונעם מאן. יא. טאטש אינטערעסאנט, כ'מיין, זעט אויס אז דער דין מזונות פונעם מאן, פארוואס קען ער נישט זאגן די אלע געלט ביסטו דאך מחויב איר צו געבן? זעט אויס אז ס'ארבעט נישט עקזעקטלי אזוי, ווייל אין די צייט האט זי געגעסן פון די שכן, ס'איז געווען זייער גוט, דעמאלטס האט זי גוט געארבעט, ער האט געטראפן א גוטן שכן וואס האט

**ר' יצחק:** געטון די מצוות מזונות אשתו צו אים, און שוין.

**ר' יואל אשר:** אקעי, נאר וואס כ'מיין צו זאגן איז אז ס'איז נישט קיין ממונ'דיגע דין אז א מאן דארף אויסגעבן במשך זיין לעבן אזויפיל מיליאן דאלער פאר מזונות אשתו. געהייסן אז די, די אמאונט פון געלט ביסטו נאך אלץ מחויב פאר דיין ווייב, ס'ארבעט נישט אזוי.

**ר' יצחק:** ער דארף איר געבן מזונות.

**ר' יואל אשר:** אהה, אזוי ווי מיר זעען המותר לבעל, יא.

**הלכה: תלי מעשה ידיך במזונותיך**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער: **הבעל שאמר לאשתו בשעה שהלך**, א מאן וואס פאר איז אוועקגעפארן אויף זיין לאנגע טריפ האט ער געזאגט: **תלי מעשה ידיך במזונותיך**, איך גיי דיר נישט איבערלאזן קיין געלט, דו ארבעטסט, נעם דיין געלט פון דיין ארבעט און, און עס פון דעם. דעמאלטס **אין לה מזונות**.

**ר' יצחק:** עס הייסט, מ'האט דאך געלערנט אז די פרוי האט די רעכט דאס צו זאגן, מען האט נישט בעצם די רעכט צו זאגן.

**ר' יואל אשר:** מ'האט געלערנט אז א מעשה ידיה איז כנגד מזונותיה. אז היות ער באקומט די זכות צו נעמען איר מעשה ידיה, שטייט אז היות ער דארף איר מפרנס זיין, באקומט ער די זכות מעשה ידיה. זענען מיר אויך געלערנט אז אויב זי זאגט "ניין, איך וויל האלטן מיינע מעשה ידיה און געב מיר נישט קיין מזונות", קען זי עס טון. אהמ. סא אויך אין אזא פאל, ווען זי האט געזאגט "טלי מעשה ידיך במזונותיך", ער האט געזאגט, זי האט גארנישט געזאגט. אין לה מזונות. פארוואס? **שאילו לא רצת בדבר זה,** אויב האט זי נישט מסכים געווען, **ולא סמכה דעתה,** זי האט נישט גענומען די ווערטער ערנסט, **היה לה לתבעו.** וואלט זי אים געדארפט גלייך פארהאלטן **או לומר לו** "ניין, איך וויל נישט, אין מעשה ידי מספיקין לי, איך מאך נישט גענוג, איך בין נישט מסכים אויף די דיעל." היות זי האט עס נישט געזאגט, זי האט געשוויגן ווען ער האט עס געזאגט.

**ר' יצחק:** איז פשט זי האט מסכים געווען, און זי האט נישט קיין מזונות.

**ר' יואל אשר:** און ווען זי איז מסכים, קען זי פארלירן מזונות תחת מעשה ידיה.

**ר' יצחק:** רייט. אקעי.

**דיון: פארוואס שאצט מען נישט אפ צי ס'איז גענוג?**

**ר' יואל אשר:** און פארוואס זאגט מען נישט למשל די בית דין

**ר' יצחק:** זאל אפשאצן צו ס'איז גענוג? ס'האט נישט, ס'האט נישט צו טון. ס'האט נישט צו טון מיט גענוג.

**ר' יואל אשר:** זי קען נישט זאגן "אין מעשה ידי מספיקין לי." זעט אויס אז אויב וואלט זי ווען דאס געזאגט, וואלט זי נישט מוחל געווען.

**ר' יצחק:** אבער ס'איז נישט דא אזא זאך אז מ'מוז, ס'מוז זיין גענוג. תלוי וואס זי וויל. אלעס איז תלוי וואס זי וויל. אויב זי וויל, קען זיין אזוי. איי, אז ס'איז נישט גענוג? האט זי זיך נישט פארערכנט, דאס איז אן אנדערע פראבלעם.

**ר' יואל אשר:** יא.

**הלכה: עמדה בדין ופסקו לה מזונות — ובא הבעל וטוען**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער: **הרי שעמדה בדין,** וואס טוט זיך אזא פאל ווען זי איז געגאנגען צו די בית דין, **ופסקו לה מזונות, ומכרו בית דין ונתנו לה.** בית דין האט פארקויפט די מזונות, אריינגעגאנגען, יורדין לנכסיו און מ'האט פארקויפט, ונתנו לה. אדער אין די פאל ווען זי האט אליין פארקויפט מזונות, און נאכדעם קומט דער בעל וטוען און ער זאגט: **הנחתי לה מזונות,** כ'האב יא איבערגעלאזט, און ממילא האט מען נישט געדארפט מאכן א מכירה, אהמ. און א, ער זאגט זי איז א שווינדלער. זי האט געהאט מזונות,

**ר' יצחק:** זי האט עס גענוצט.

**ר' יואל אשר:** אהמ. איז א, וואס וויל ער יעצט? ער וויל יעצט צוריק מוציא זיין פון איר, זי זאל אים דארפן יעצט באצאלן די פעלד וואס מ'האט פארקויפט. **הרי זו נשבעת,** קען ער איר מחייב זיין צו שווערן מיט נקיטת חפץ, א עכטע שבועה. מ'זאל שווערן **שלא הניח לה,** אז ער האט איר נישט איבערגעלאזט געלט, און דעמאלטס איז ער פטור.

**ר' יצחק:** איז זי פטור.

**ר' יואל אשר:** איז זי פטור. טייטש נישט אז ער קען שווערן און מוציא זיין פון איר. פארקערט, זי דארף שווערן נישט צו געבן. ער איז יעצט דער מוציא.

**הלכה: לא תבעה ולא מכרה — הוא אומר הנחתי והיא אומרת לא הנחת**

**ר' יואל אשר:** אהמ. וואס טוט זיך אזא פאל, **לא תבעה ולא מכרה,** דער מאן איז אוועקגעפארן, און זי איז נישט געגאנגען צו בית דין, זי איז נישט געגאנגען פארקויפן. **אלא שהתה עד שבא,** נעבעך געהונגערט ביז ער איז אהיים געקומען. און דעמאלטס הייבט זיך אן די טענה, **הוא אומר,** ער זאגט "כ'האב איבערגעלאזט געלט", **והיא אומרת "לא הנחת"** ד'האסט נישט איבערגעלאזט. **נאר אלא לויתי מזה ונתפרנסתי,** איך בין געגאנגען בארגן איבעראל.

**ר' יצחק:** אהה.

**ר' יואל אשר:** איז וואס איז יעצט? יעצט איז זי מוציא פון אים געלט, ווייל זי וויל יעצט "גיי באצאל מיינע חובות". אהה. דעמאלט באקומט ער די רעכט, ווייל היות זי איז א מוציא מחבירו, דארף זי זיין דער וואס ברענגט א ראיה. און ווי לאנג זי קען נישט ברענגען די ראיה, דארף ער שווערן **א שבועת היסת שהניח לה,** אז ער האט איר יא איבערגעלאזט געלט. **ונפטר** ער ווערט פטור, **וישאר החוב עליה,** די חוב בלייבט אויף איר.

**חידוש: דער מאן דארף נישט אויסצאלן דעם ווייב'ס חובות**

**ר' יואל אשר:** אהה. ס'איז אינטערעסאנט, דא זעט אויס אז דער מאן דארף נישט אויסצאלן דעם ווייב'ס חובות.

**ר' יצחק:** ס'איז עפעס. זי האט זיך אליינס געמאכט חובות, פארוואס זאל ער דארפן צאלן אירע חובות? ווער האט איר געהייסן? יא.

**הלכה: מכרה מטלטלין ואמרה במזונות מכרתי**

**ר' יואל אשר: מכרה מיטלטלין,** וואס טוט זיך אזא פאל **מכרה מיטלטלין,** זי האט פארקויפט פון זיינע מטלטלין מיט חפצים, **ואמרה, במזונות מכרתי,** איך האב עס פארקויפט, ווייל כ'האב נישט געהאט וואס צו עסן, דו ביסט אוועקגעפארן, האב איך פארקויפט די זאכן. **והוא טוען ואומר,** ניין, **מזונות הנחתי,** כ'האב איבערגעלאזט געלט. יא. און ער פאדערט יעצט אז זי זאל אים צוריקגעבן דעם מטלטל וואס זי האט פארקויפט. איז אויך די זעלבע זאך, אז היות ער איז א מוציא, דארף זי מאכן א שבועה **שלא הניח** ער האט נישט איבערגעלאזט, און זי איז פטור. אהה.

**הלכה: דחקה עצמה ביום ובלילה ואכלה**

**ר' יואל אשר:** אויב פארקערט, זי האט נישט תובע געווען, זי האט נישט פארקויפט, **ולא מכרה, אלא דחק...** אה, ניין, נאך א נייע פאל. א נייע. וואס טוט זיך א פרוי האט נעבעך געהונגערט א גאנצע צייט? **דחקה עצמה ביום ובלילה,** זי האט זיך ממש איבערגעשטרענגט און געארבעט זייער שווער, **ואכלה.** און יעצט זאגט זי, גיב מיר פאר די אלע...

**ר' יצחק:** זי האט געמאכט מעשה ידים.

**ר' יואל אשר:** מעשה ידיה, און זי האט געגעסן. און זי זאגט יעצט, כ'האב געהונגערט, דארפסט מיר יעצט צאלן פאר די געלט פאר די אלע...

**ר' יצחק:** כ'האב געארבעט... כ'האב געארבעט צופיל.

**ר' יואל אשר:** פאר די וואס זי האט געגעסן... ניין, דחקה עצמה מיינט זי האט געלעבט אויף די מינימום, און זי האט געארבעט שווער...

**ר' יצחק:** ניין, ס'מיינט ועשת. ועשת, זי האט זיך געארבעט זייער שווער. זי טענה'ט כאילו, דו האסט נישט געגעבן מזונות. דו דארפסט מיר געבן אפילו איך האב צוגעלייגט מעשה ידים, מער ווי איך מחויב צו מאכן,

**ר' יואל אשר:** זאל זיין,

**ר' יצחק:** סאו אויף דעי עקסטערע מעשה ידים, כאילו צאל מיך צוריק פאר דעם,

**ר' יואל אשר:** איך האב אויסגעלייגט פאר מיר אליין כאילו.

**ר' יצחק:** ס'איז אזוי. **אין לה כלום,**

**ר' יואל אשר:** ווייל דעי טענה איז נישט דא.

**ר' יצחק:** יא, ווייל מזונות האט זי

**ר' יואל אשר:** געהאט פון איר מעשה ידיה, איז ער זיך געפטר'ט מיט דעם.

**ר' יצחק:** זי האט געקענט גיין אין בית דין באקומען, באט גראדע האט זי זיך באנארשט און זי האט עס נישט געטון. איז נישט.

**ר' יואל אשר:** שוין. יעצט גייען מיר לערנען אביסל וועגן הלכות נדרים.

**ר' יצחק:** אה הלכות נדרים, איך מיין צו זאגן נדרים הלכות נדרים המדיר, המדיר את אשתו, ווי לאנג מ'קען,

## הלכות אישות פרק י"ב — המדיר את אשתו

**הלכה: המדיר את אשתו מליהנות לו**

**ר' יצחק:** סאו די עקסטערע מעשה ידיים, כאילו,

**ר' יואל אשר:** צאל מיר צוריק. מיר געבן. איך האב אויסגעלייגט פון מיר אליין כאילו. יא, ס'איז אזוי. ווייל די טענה איז נישט דא.

**ר' יצחק:** יא,

**ר' יואל אשר:** ווייל מזונות האט זי געהאט מעשה ידיה, איז ער זיך געפטר'ט מיט דעם.

**ר' יצחק:** זי האט זיך געקענט גיין אין בית דין באקומען, באט גראדע האט זי זיך באנארשט און עס נישט געטון, איז נישט. שוין,

**ר' יואל אשר:** יעצט גייען מיר לערנען אביסל וועגן הלכות נדרים. כ'מיין צו זאגן, נדרים, המדיר את אשתו, ווי לאנג מעג ער...

**ר' יצחק:** דאס קען זיין א וועג וויאזוי ער דארף נישט געבן מזונות אדער עפעס אזוי.

**ר' יואל אשר: "המדיר את אשתו מליהנות לו",** איינער מאכט א נדר אז ער גייט נישט

**ר' יצחק:** הנאה האבן גארנישט פון זיין ווייב, אהמ.

**ר' יואל אשר: "בין שפירש עד זמן פלוני",** סיי ווען ער האט געזאגט כ'גיי נישט נהנה זיין פון מיין ווייב ביז וואטעווער, ביז סוף וואך, אדער, אהמ. אדער אפילו אן זאגן א צייט, **"בין שלא פירש אלא סתם, ממתינין לו שלשים יום",** געבט מען אים דרייסיג טעג, וויאזוי ער זאל זיך אויסניכטערן פון זיין שיגעון. אהמ. **"אם תמו ימי נדרו",** ס'האט זיך געענדיגט זיין נדר, **"או"** אדער אפילו ס'האט זיך נישט געענדיגט, אבער ער האט געטראפן א וועג צו מתיר זיין זיין נדר, ער איז געגאנגען צו א חכם זאגן אז על דעת זה וואלט ער נישט געמאכט, **"הרי מוטב",** איז גוט. אבער **"ואם לאו",** ער האלט ווייטער נדרים, **"יוציא ויתן כתובה",** זאל ער איר גט'ן און געבן די כתובה.

פארוואס? ווייל א פרוי, ער קען נישט זאגן ס'איז נישט, זי זאל נישט הנאה האבן פון מיר, דער נדר איז אקעגן זיינע חיובים.

**דיסקוסיע: וואס טוט זיך אין די דרייסיג טעג?**

**ר' יואל אשר:** וואס טוט זיך אין די דרייסיג טעג? די דרייסיג טעג טוט זי... קען זי דאך נישט נעמען זיין עסן. אהמ. איז וואס זאל זי טון? **"תהיה היא עושה ואוכלת"**, זאל זי ארבעטן און מאכן געלט, **"ויהיה אחד"** א, און אבער אויב זי מאכט נישט גענוג, מעשה ידיה איז נישט גענוג, אהמ. זאל איינער פון זיינע חברים איר מפרנס זיין **"דברים שהיא צריכה להן יתר על מעשה ידיה"**, די איבריגע, די דיפערענס, זאל א צווייטער געבן, **"אם אין מעשה ידיה מספיקין לכל"**.

ס'טייטשט, הגם דער חבר טוט דאך עס פאר זיינעטוועגן,

**ר' יצחק:** אים אנצופילן זיין... ער האט נישט קיין תביעה, ער טוט עס אזוי פאר פרי.

**ר' יואל אשר:** הגם דער חבר טוט דאך עס ווייל זיין חבר האט א חיוב, ער טוט עס איהי אנשטאט דעם חבר, וואלסטו געטראכט אז דאס איז אויך א חלק פון די איסור, דאס איז נישט א חלק פון די איסור. הגם מ'האט געמאכט א נדר, אבער דער נדר איז נישט חל אויף די חברים, הגם ער טוט עס פאר זיינעטוועגן. יא.

**הלכה: המדיר את אשתו שלא תטעום אחד מכל הפירות**

**ר' יואל אשר:** די זעלבע זאך, המדיר את אשתו שלא תטעום אחד מכל הפירות. איך וויל דו זאלסט נישט עסן איינע פון די מיני פירות. אהמ. הגם לכאורה זעט עס אויס ווי א קלייניגקייט, אבער א מענטש קען נישט פייניגן זיין ווייב און מאכן אסר'ן אויף איר זאכן. ממתינין לו שלשים יום. יתר על כן, אויב מער ווי דרייסיג טעג האלט ער אן זיין באיקאט אקעגן עפעס א פירות אז זי טאר נישט עסן עפעס. מער פון דעם, יוציא, דארף ער איר גט'ן ויתן כתובה. אהמ.

אפילו הדירה שלא תטעום מאכל רע. אפילו ער האט געמאכט א נדר אויף איר אז זי זאל נישט טועם זיין עפעס וואס איז אפילו נישט גוט. אהמ. און אפילו אויב די נדר איז ממין שלא אכלה אותו מימיה, עפעס א פרוכט וואס זי וויל בכלל נישט עסן. יוציא אחר שלשים יום ויתן כתובה, ווייל ס'איז אן ענין פון א פרינציפ אז א מאן קען נישט משעבד זיין און ארויפלייגן יסורים אויף זיין ווייב, און אויב יא זאל ער זיך גט'ן. א דיקטאטארישע פאזע.

**דיסקוסיע: וועגן דייעט**

**ר' יצחק:** ער דארף איר לאזן עסן, חוץ דעם וואס ער דארף איר געבן צו עסן, דארף ער איר לאזן עסן. אויב ער הייסט איר מאכן א דייעט, אויך איז די זעלבע זאך?

**ר' יואל אשר:** דארף מען וויסן.

**ר' יצחק:** דאס מיינט עס, דאס איז די אלטמאדישע וועג וואס מ'הייסט מאכן א דייעט.

**ר' יואל אשר:** הייסן? זאל זי זיך אננעמען ווי ער האט נישט געהייסן.

**ר' יצחק:** ער איז דאך דערוואַרט.

**ר' יואל אשר:** פארסן טאר מען נישט. יא.

**ר' יצחק:** איי גוט, טאר נישט.

**הלכה: נדרה היא שלא תאכל — וקיים לה הוא נדרה**

**ר' יואל אשר:** ווייטער, וואס טוט זיך אזוי, נדרה היא, אויב זי האט געמאכט א נדר שלא תאכל אחד מכל הפירות, און ווען א פרוי מאכט א נדר דארף עס דער מאן מסכים זיין, אויב נישט קען עס דער מאן מפר זיין, וקיים לה הוא נדרה, ער האט מקיים געווען דעם נדר, אדער. אדער זי האט געמאכט א נדר אז זי גייט זיין א נזיר, און ער האט נישט צעשטערט איר נדר, און זי ווערט א נזיר, זי גייט נישט קענען טרינקען ווייַן, און אזוי ווייטער. איז אם רצה שתשב תחתיו ולא תאכל פירות או תהיה נזירה, אויב ער איז מסכים צו אירע משוגעת'ן, דעמאלטס כל הכבוד.

**ר' יצחק:** מ'קען עס אויסהאלטן.

**ר' יואל אשר:** אבער ואם אמר, אויב אבער... ס'איז אבער אינטערעסאנט, ביי פריער איז עס נישט געשטאנען. ביי די ווייב ווייסן אונז אלע ווייבער ווילן נישט קיין מאן וואס מאכט נדרים. אויף איר. יא. אויף איר הייסט.

**ר' יצחק:** ער פארסט איר.

**ר' יואל אשר:** רייט. אבער ואם אמר איני רוצה באשה נדרנית. איך וויל נישט א פרוי וואס מאכט מאדנע פרומע שטיקעס, זי מאכט נזירות. אהמ.

**ר' יצחק:** איך וויל דאס נישט.

**ר' יואל אשר:** דעמאלטס? איז ער קען נישט זאגן אז ס'איז א מקח טעות אדער עפעס. ווייטער, כתובה דארף ער געבן. ער קען איר געבן א גט.

**ר' יצחק:** יוציא ויתן כתובה, שהרי היה בידו להפר.

**ר' יואל אשר:** שהרי היה בידו להפר והוא קיים לה ברצונו. דו האסט געהאט א ברירה,

**ר' יצחק:** דו קענסט סטאפן. דו ביסט דאך אליינס שולדיג. ווייסט וואס?

**ר' יואל אשר:** דו קענסט געבן... ממילא כתובה איז צו געבן.

**ר' יצחק:** א גט קען ער אלעמאל געבן, ער פלאף איר נישט פרעגן, אבער די שאלה איז צי ער דארף געבן א כתובה. ער דארף איר געבן א כתובה, אוודאי. זייער גוט.

**סיום פרק י"ב**

**ר' יואל אשר:** און מיט דעם האבן מיר עס געענדיגט פרק י"ד, אה י"ב. די י"ד דברים, פרק י"ב.

**ר' יצחק:** און

Generated by Shiur Upload Automation